STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02599

MEKHIRES YOSEF

Eliakum Zunser

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02599-2

D:\YIDDISH\TITLES\9780657025991T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מכירת יוסף

איין טעאטער שטיק אין זיבן אקטין אונ אין זיבעצעהן סצענען.

גיפארמירט נאך די בעסטע אונ גלייבסטע דעות פון גמרא, פון מדרשים, פון ילקוט, פון מפרשים, אונ פון אנדערע קלוגע ספרים, שערפאסט דורך אויס אין לידער מיט גיזאנג, צום פאר שטעלין אויף דער סצענע. באשריבין די קאסטיומען מיט דיא דעקוראציאנען, נאך דיא עגיפטישע זיטין, אונ זייער מיטהאלאגי.

פאן

אליקים צונזער

בדרתו מווילנא

ערשטער טהייל

ווילנא

דרוק פאן יצחק יהודה ליב קאצינעלינבויגען.

תרע"ד

Эліокимъ Цунзеръ.

МХИРАТЪ ІОСИФЪ

Продажа Іосифа братьями.

Часть Первая.

Изданіе и собственность
М. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА,
Книжный магазинъ. Вильна, Еврейская ул. д. № 1.

ВИЛЬНА
Электро-тип. И. А. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА,
Виленская ул., д. № 10.
1914.

הקדמה

קיין איינציגע גישיכטע, פון אונזער הייליגן תנ"ך האט אזוי אאיינדרוק ניט גימאכט אונ איז נאך ניט אזוי באקאנט דעם פעביל פון אונזערע אידין וויא דיא גישיכטע פון מכירת יוסף, אונ דאך, ווער עס וויל פאר אונזערע אידין די גישיכטע אלס אריינגע דראמע פאר שטעלין, פאר צאמען איינגע קשיות די וועג פאר דעם שרייבער וועלכער וויל פון קבלת חכמים ניט אב טרעטין,
1) וויא מיר גיפינען אז יהודה איז גינאנגן שערין זיינע שאף, נוא גיוויס האבין דיא איבעריגע ברידער אויך גיהאט פיל שאף אונ רינדער, זאלין זייא זיך מתקנא זיין אף אהעמדיל וואס דער פאטער האט יוספין אן גיטאן? עס טרעפט היינט דאס רוב אז אפאטער מאכט איין קינד אבגד אונ דעם צווייטין ניט פון דעסט וועגין הרגת מען זיך ניט אף טויט. בפרט יעקב אבינו'ס קינדער די הייליגע שבטים, רייכע מענשין, אונ פון 20 ביז 25 יאהר זאלין זיי וועלין שלאגין צום טויט אברודער פאר אהעמדיל? אויב ווידער די קנאה איז ניט גיוועזן פאר דיא העמדיל נאר ווייל דער פאטער האט עס גיליבט מער פון זייא אונ דעריבער האט ער אים די העמדיל גיגעבין, אויב אזוי איז דאך דער פאטער שולדיג וואס ער ליבט אים, אבער ניט יוסף וואס אים ליבט מען, וואס האט יוסף גיקענט מאכין אז זליכה האט אים גליבט? אויב ווידר פאר דיא חלומות האבין זייא דאך גידארפט וויסען אז אזעלכע חלומות איז פון גאט, אזוי וויא עס איז טאקע באמת דער נאך מקוים גיווארין, אונ ניט וועלין אים טויט שלאגין דער פאר? די רכילות, איז דאך ממה נפשך קשה, איז דיא רכילות גיוועזן

שֶׁקֶר, טוא וויא הָאט עֶס יוֹסֵף הַצַּדִיק גִיבְּרַאכְט פַאלְשֶׁע רְכִילוּת?
איז ווידֶער גִיוָועזֶן אֱמֶת טוא וָואס הָאבִּין זַייא צוּא יוֹסֵפִ׳ן? הָאט
יוֹסֵף נִיט רִיכְטִיג גִיזֶעהֶן, טוא ווי הָאט יַעֲקֹב נִיט אוּיס גִיפְרֶעגְט
אַלֶעס בִּפְרַט אַז עֶר זָאל ווִיסֶען אוּיבּ דָאס אִיז רֶעכְט אָדֶער
אוּנְרֶעכְט? — 2) מִיר גִיפִינֶען אִין דִבְרֵי הַיָמִים אַז יַעֲקֹב הָאט
אִיבֶּער גִיגֶעבִּין דִיא בְּכוֹרָה יוֹסֵפִ׳ן אִיז קָשֶׁה וָואס אִיז גִיוָועזֶן דִיא
בְּכוֹרָה פַאר אַזוֹי אַגְרוֹיסֶע זַאךְ אַז צוּ לִיבּ אִיר אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען
אַזוֹ פִיל קִילְקוּלִים? אוּיבּ צוּ נֶעמֶען 2 חֲלָקִים יְרוּשָׁה, עֶקְסֶעסְטִירְט
דָאךְ נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ אִין פִיל עֶרְטֶער בַּייא אִידִין. פוּן דֶעסְט
וֶועגִין קוּמְט גָאר נִיט אַרוֹיס זֶעלְכֶע סִבּוֹת אוּנ שִׂנְאוֹת וויא מִיר
גֶעפִינֶען בַּייא יִצְחָק מִיט יִשְׁמָעאלִ׳ן, בַּייא יַעֲקֹב מִיט עֵשָׂוִ׳ן.
בַּייא יוֹסֵף מִיט דִיא בְּרִידֶער, אוּנ אַלְץ צוּא לִיבּ דִיא בְּכוֹרָה?.
3) וָוארוּם הָאט יוֹסֵף פוּן מִצְרַיִם נִיט אָן גִיזָאגְט צוּם פָאטֶער אַז
עֶר לֶעבְּט? פַאר וָואס הָאט עֶר אִיהְם גִילָאזִין אַזוֹי פִיל טְרוֹיעֶרִין?
לָאז שׁוֹין זַיין אַז דִי צַייט וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזֶן בַּייא פּוֹטִיפַר׳ן הָאט
עֶר נִיט גִיקֶענְט אָן זָאגִין אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ דִיא צַייט וָואס עֶר אִיז
אִין תְּפִיסָה גִיזֶעסִין. אָבֶּער דִי 9 יָאהְר וָואס עֶר וַואהְר וויצֶע קֶענִיג
דַאמָאלְס הָאט עֶר דָאךְ גִיקֶענְט אַשְׁקַאדְרָאן סָאלְדַאטִין שִׁיקִין צוּם
פָאטֶער אוּנ אָן זָאגִין אַז עֶר לֶעבְּט? בִּפְרַט עֶס אִיז גָאר נִיט אַזוֹי
וַוייט, דִיא בְּרִידֶער הָאבִּין זִיךְ מִיט מַשָׂא אִין אַקוּרְצֶע צַייט גִיקֶערְט
צְוַויי מָאל הִין אוּנ צוּרִיק, נָאךְ מֶער אַז עֶר הָאט אַזוּן גִיבָּארְן גִיט עֶר
אִים אַנָאמֶען מְנַשֶּׁה, אוּנ זָאגְט כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת כָּל עֲמָלִי וְאֵת כָּל
בֵּית אָבִי, דָאס טוּט צַטְרַייעֶר זוּן? עֶר דַאנְקְט גָאט אַז עֶר הָאט
זִיךְ אָן טַאטִין פַר גֶעסִין אַזוֹי אַפָּאטֶר וָואס לֶערִינְט מִיט אִים תּוֹרָה
אוּנ חָכְמָה, וָואס לִיבְּט אִים מֶער פוּן אַלֶע קִינְדֶער, מִיט אַמָאל אִיז
עֶר אַמִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ אוּנ לָאזְט דֶעם פָאטֶער טְרוֹיעֶרִין? נָאךְ מֶער,

אַז דִיא בְּרִידֶער קוּמֶען שׁוֹין צוּא אִים אִין מִצְרַיִם, וָאג אִים דַאמָאלְס אָן, נֵיין, פַאר הַאלְט עֶר נָאךְ בַּיי זִיךְ שִׁמְעוֹנֶען אוּנ הֵייסְט בְּריינְגֶען בִּנְיָמִינֶען, בִּיז דֶער פָאטֶער שְׁרַייט פוּן צָרוֹת, יוֹסֵף אִיז נִיטָא, אוּנ שִׁמְעוֹן אִיז נִיטָא, אוּנ יֶעצְט בִּנְיָמִין? דֶער עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא׳ס תֵּירוּץ „אַז דִי בְּרִידֶער הָאבְּן גְמַאכְט אַחֲרֶם אַז מֶען זָאל דֶעם פָאטֶער נִיט אוֹיס זָאגִין“, זֵיי הָאבְּין דָאךְ אָבֶּר יוֹסֵפִין נִיט אַרַיין גִינוּמֶען אִין חֵרֶם, הָאט עֶר דָאךְ גִמָאגְט אָן זָאגְן צוּם פָאטֶער? בִּפְרַט סוֹף כָּל סוֹף הָאט עֶר דָאךְ פָארְט אָן גִיזָאגְט, אוּנ יַעֲקֹב הָאט שׁוֹין דֶער נָאךְ גִיוואוּסְט אַז דִיא בְּרִידֶער הָאבִּין אִים פַאר קוֹיפְט? — דֶער ווִידֶער עֶנְפֶערְט „אַז יוֹסֵף הָאט גִימוּזְט שְׁווַייגִין כְּדֵי עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערִין דִיא חֲלוֹמוֹת“ דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ קֵיין תֵּירוּץ נִיט, דֶען אַז דִיא חֲלוֹמוֹת זָאל מְקוּיָם וֶוערִין אִיז בְּלַאנְגֶען אָן גָאט, אוּנ יוֹסֵף אַלְס מֶענְשׁ נָאר דַארְף נִיט לָאזִין אַפָאטֶער טְרוֹיעֶרִין 22 יָאר? גָאט הָאט גִיזָאגְט אַבְרָהָמֶען אַז זַיינֶע קִינְדֶר וֶועלִין דִינֶען אִין דֶער פְרֶעמְד. פוּן דֶעסְט וֶועגִין אַז פַּרְעֹה הָאט מִיט זֵייא גִיאַרְבֶּעט הָאט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין פְּסַק — גָאט דֶער מְסַבֵּב הַסִּבּוֹת טוּט זִיךְ דָאס זַיינִיגֶע, אוּנ בְּרוֹיכְט נִיט קֵיין הִילְפֶע פוּן אַמֶענְשִׁין יוֹסֵף זָאל אִים הֶעלְפִין זַיינֶע חֲלוֹמוֹת זָאל מְקוּיָם וֶוערִין? —

אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע נַאצְיָאנֶען אִין פֶער שֵׁיידֶענֶע שְׁפְּרַאכֶען אִיז זִיא אוֹיךְ פִיל מָאל גִישְׁפִּילְט גִיוָוארִין אוּנ וֶוערְט גִישְׁפִּילְט נָאךְ עַד הַיּוֹם, זֵיי זַיינֶען נִיט גִיצְווּאוּנְגֶען צוּ דִיא גְמָרָא, אוֹיבּ עֶס ווַייזְט זֵיי אַאָרְט וָואס עֶס לַאזְט זִיךְ נִיט שִׁיקִין, שְׁפִּילִין זֵייא נָאךְ זֵייעֶר אֵיינֶגֶענֶעם פַאר שְׁטַאנְד — אוּנ אוּנְטֶער אוּנְזֶערֶע אִידִין צַייט מִיר גִידַיינְקֶען הָאבִּין דָאס נָאר גִישְׁפִּילְט אָרֶעמֶע בָּחוּרִים, אָדֶער דִיא פֶער צַייטִיגֶע בַּדְּחָנִים אַף אַחֲתוּנָה, קוּרְץ פוּן זֵייעֶר גִיפִיל אַף אַדְרַאמָא הָאבִּין מִיר גִיקֶענְט צוּ דֶער גִישִׁיכְטֶע זֵייעֶר ווֵיינִיג הִילְפֶע

הקדמה

באקוטען — דער בריהמטער מחבר פון תוכן עלילות וויא וואהל ער האט איר מייסטער ווערק גיארבעט דאך האט ער דיא אלע שווערע פראגין אונז ניט ענטדעקט — אין דיזע קליינע ווערקיל מיינע איז אלע פר ענטפערט. יע שילדערט נאך דר אלטר היסטאריע נאך זייערע זיטין אונ מנהגים, דאס מען קאן מיט רעכט זאגן דאס עס ליגט אויף זיי דער גאנצער אלטערטהום ווי עס וואלט גיוועזן גישריבין מיט פערטהאלבין טויזינד יאהר צוריק — אונ דיא אלע שווערע פראגען ווערין דא גלייך, גיקליבין גוטע ווארטין פון גמרא פון ילקוטים פון מפרשים, גיפאסט איין דעה צוא דיא צווייטע ביז עס איז פאר גלייכט גיווארין אלע שווערינקייטין, דען דברי תורה עניים במקום זה ועשירים במקום אחר —

פאר דיא וועלכע וועלין מיר פרעגן וואס נוצט אונז אלטע היסטאריע, ליבערשט שרייבט אונז פון היינטיגער צייט, מיר זאלין זעהען לעבעדיגע בילדער, אויף אייער פראגע מיינע לעזער מוז איך אייך ענטפערין ניט ווי אלע מחברים שרייבין אין זייערע הקדמות, אז זייא מיינען ניט קיין כבוד אונ ניט געלט נאר זייא ווילין מזכה הרבים זיין אדער זייא מוזען שרייבען ווייל זייער נאטור דריקט זייא דער צוא וויא דיא פויגיל דאס זיא מוז זינגען (אדער וויא דער האן אז ער מוז קרייען). איך בין גראדע פאר קערט, איך בין מאמין באמונה שלמה אז איך וואלט גיוועזן אנגיד וואלט איך גיוויס ניט גישריבין אונ מיין אינסטינקט וואלט מיר נאר דאצו ניט פרעסין איך בין זיך מודה אפין פאר אייך אלע אז איך בין נאר דעם גראשין, —

אליקים צונזער מווילנא.

די פֶּערזאָנֶען װעלכֶע קוּמֶען דָא פָאר

יִצְחָק, אַאײנװאָהנֶער אין כְּנַעַן אין חֶבְרוֹן,

יַעֲקֹב, זײן זוּן,

רְאוּבֵן
שִׁמְעוֹן
לֵוִי
יְהוּדָה
יִשָּׂשכָר
זְבוּלוּן — די זין פון יַעֲקֹב
דָן נַפְתָּלִי
גָד, אָשֵׁר
יוֹסֵף
בִּנְיָמִין

דִינָה, זײן טָאכְטֶער,

שֶׂרַח, די טָאכְטֶער פון אָשֵׁר,

שַׁמָה, דֶער קְנֶעכְט פון יַעֲקֹב,

~~~

אַמָאן, בַּײא שְׁכֶם,

טַלְמוֹן, אַאַראַבִּישֶׁער סוֹחֵר,

~~~

(סכ״י)

פּוֹטִיפַר, דֶער שֶׁעכְט מַײסְטֶער פון קֶעניג פון מִצְרַיִם,

זְלִיכָה, זײן פְּרוֹי,

אָסְנַת, זײעֶר טָאכְטֶער,

חַמוּטַל, איר גוּװערנַאנְטִין,

עֲלוּקָה / עֲזוּבָה — זײעֶרֶע דינֶערין,

חַרְנֵפֶר, דֶער הױפְּט װעכְטֶער אין תְּפִיסָה בַּײ פּוֹטִיפַר

~~~

פַּרְעֹה, דֶער קֶעניג פון מִצְרַיִם

תַּחְפְּנֵס, דיא קֶעניגין

הֲדוֹרָם, אַאַלְטֶער אַדְיוּטַאנְט.

תַּחְרֵעַ, דֶער טְרַאנְק מַײסְטֶער פון קֶעניג,

עַזְמָוֶת, דֶער אױבֶּער בֶּעקֶער,

~~~

יוֹסֵף, דֶער זוּן פון יַעֲקֹב

אָסְנַת, זײן פְּרוֹי,

מְנַשֶּׁה / אֶפְרַיִם — זײעֶרֶע זין,

סלוא, זיין אויבער אדיוטאנט,
עבדון, זיין קאמער דינער,
אחישחר, זיין קוטשער,

בקבקר, דער הויפט חרטום
אין מצרים,
ארבער, מורינען, תפוים,
שפיקטארין, גענעראלין

חרטומים, דינער, זינגער
קאהר, מוזיק, דיא וואך פון
קעניג, - דיא וואך פון יוסף,

דיא געשיכטע פאנגט זיך אן
אין כנען אין 2216 יאר פון
באשאפונג דער וועלט,
ענדיגט זיך אין מצרים
אין 2238 יאר,

ערשטער אקט

ערשטע סצענע

(דער פאר האנג וויקעלט זיך אויף, עס איז צוא זעהען אשיינער זאל, בייא דער זייט שטייען צווייא בילדער פון שטיין, אברהם אבינו מיט זיין פרוי שרה, פון פארינט ביי אטיש זיצט יעקב העברי אף אשטול, אונ קוקט אין אספר אאלטין, עס עפינט זיך די טיר, עס קאמט אריין יוסף, איונגער מענטש פון 17 יאר, געקליידעט אזיאטיש, גייגט זיך צום פאטער מיט גרויס עהרע פורכט).

יוסף

גוט מארגין הער פאטער!

יעקב

ווען דיך יוסף לעבין מיר אנידער
איך ליב דיר מער, פון אלע דיינע ברידער
וואס איך האב גילערינט, פון מיין טאטין אונ זיידין
פלעג איך דאך אלעם, מיט דיר איבער ביידין
אונ איידער איך בין אוועק קיין חרן
איידער דיין מוטער, איז מיין ווייב גיוואריין
בין איך גיזעסין בייא שם ועבר פערצעהן יארין
אונ אלעס וואס זייא האבין מיר, איבער גינעבין

גיב איך דיר איבער, פאר זיין לעבין
אונ ווייל דוא ביזט קלוג, מיט פאר שטאנד
גיב איך דיר איבער, דעם ספר, וועלכין איך האלט אין האנד
דעם ספר האט מיין זיידע אברהם גישריבין
אלע חכמות, אלע סודות, האט ער דא צוא נויף גיקליבין
האסטו בעטראכט אונזערע שבטים, וועלכע וואוינען דא ארום?
האסטו גיזעהען זייער פירונג, זייער גלויבין, וויא קרום?
אזוי איז מיין עלטער זיידע, אויך גיוועזן
נאר געטער, אונ געטער, האט מען בייא אים גיזעהען
אנדערע פון האלץ, אנדערע פון שטיין
אנדערע פון גאלד, אנדערע פון ביין
וויא וואהל איך האב דיר שוין, פיל מאל דער ציילט
וויא גאט האט מיין זיידין, פון אלעמען ערוויילט
דאך שאדעט ניט, נאך אמאל צוא ריידין
ערקלערין דיר דיא מעלות, פון מיין הייליגין זיידין
שוין דרייא אונ ניינציג יאר, פאר בייא גיפלויגין
ציים מיין זיידע, האט פאר מאכט זיינע אויגין
איך וואר דאמאלס פופצין יאר אלט
אונ עס שטייט מיר נאך פאר, זיין הייליגע גישטאלט
דוא זעסט דעם בילד? בעטראכט אים גוט?
דאס איז דאך ווייס, אונ ער וואר רויט, מיט בלוט
זיין ליכטיגע גישטאלט, זיין פריילינע מוהט
נאמעס נייסט, האט אויף זיין גיזיכט גירוט
איידער מיין זיידע, איז גיבארין גיווארין
זיין פאטער תרח האט נאך גיוואוינט אין חרן
איז דיא גאנצע וועלט גיוועזן פאר אירט

מכירת יוסף

נעצין דינעריי, האט איבעראל עקסעסטירט
אלע לענדער, אונ אלע אומות
האבין גילעבט, וויא בהמות
וויא צוא וויסין גרויסע אינדין, אן אזאניל אשיף
פון איינציגין גאט, ניט גיהאט קיין בגריף
אף יעדער מין, האבין זייא גיהאט געטער
אף ימים, אף בערג, אף בוימער, אף בלעטער
אגאט פון מלחמה, אגאט פון ליבע
אונ אזוי געטער, אף יעדער סיבה,
יעדער שטערין, גיהאלטין פאר אגאט
גיבויט פאר זייא טעמפעל, אין יעדער שטאט
דיא זון האבין זייא אויך, פאר אגאט גיטרויט
היילינע טורעמס, צוא איר נאמען גיבויט
האבין מקריב גיוועז מענשין, אנשטאט קרבנות
קליינע קינדער גישעכט, גאר אן רחמנות
דער קעניג וואס האט איין גינומען אשטאט
האט ער זיך שוין גיקרוינט, מיט דעם נאמען גאט
אזוי האט נמרוד גיפירט, וואס האט דאמאלס גילעבט
דער פעביל איז גיוועז בלינד, אונ פאר גרעבט
דיא כהנים, דיא רעדיל פירער, האבין פאר פירט די וועלט
מיט מאגיעשע קונצין, אוים גינארט געלט
אונ האבין דיא קונצען גירופין היילינ
אונ דער פאר באקומען, דעם בעסטין חלק
דער פעביל גלויבט, וואס דיא פריסטער זאגין
מיט שקר דיא וועלט, פון אמת צוא פאר יאגין
אזוי וויא דוא זעסט נאך, דא עד היום

ווּיא דיא פֶעלְקֶער גְרַייזִין , זִינְקֶען אִין תְּהוֹם
נָאר מִיר הָאפִין , אַז מִיט דֶער צַייט
וֶועלִין זִייא בַּאקֶעגֶען , זַייעֶרֶע נַארְעשְׁקַייט)
בִּיז מַיין זֵיידֶע אַבְרָהָם , אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען
אוּן הָאט עֶרְקְלֶערְט , אַז אֵיין גָאט אִיז נָאר פַּארַאנֶען
וָואס בַּאשַׁאפְט דִי עֶרְד , דִי זוּן , דִי שְׁטֶערִין , דִי לְבָנָה
אַלֶע פְּלַאנְצוּנְגֶען , אוּן חַיוֹת , פַאר דֶעם מֶענְשִׁין אַמַתָּנָה
וָואס עֶר פַאר לַאנְגְט נִיט קַיין מֶענְשִׁין פַאר קָרְבָּנוֹת
נָאר אֵייגֶער אַף דֶעם צְוַויישִין , זָאל הָאבִּין רַחֲמָנוּת
זַיין קָרְבָּן אִיז , אַהֶארְץ אַרַיינֶע
זַיין טֶעמְפִּיל , אִיז דִיא נַאטוּר דִיא שֵׁיינֶע
אוּן אַזוֹי הָאט מַיין זֵיידֶע , גִיטָאן עֶרְקְלֶערִין
דֶעם גַאנְג פוּן דִיא זוּן , מִיט אַלֶע שְׁטֶערִין
אַזֶעלְכֶע וָואס לַייכְטִין , פִיקְס שְׁטֶערִין קָאמֶעטִין
דֶעם גַאנְג , אוּן דִיא גְרוֹיס , פוּן אַלֶע פְּלַאנֶעטִין
פוּן דֶעם הָאט עֶר , דֶעם בֶּערֶעכְנוּנְג גִינוּמֶען
דִי חֲדָשִׁים , דִי יָארִין , זָאלִין גְרַאדֶע אוֹיס קוּמֶען
אוּן נָאךְ פִיל חָכְמוֹת הָאט עֶר בֶּעטְרַאכְט
בִּיז גָאט גִיט אִים , דִי קְרַאפְט דִי מַאכְט
עֶם דֶעם עֶרְשְׁטִין , גִיגֶעבִּין אִין הַאנְט
זַיין גְלוֹיבִּין אִין דֶער וֶועלְט , צוּא מַאכִין בֶּעקַאנְט
אַזוֹי אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען , פוּן שְׁטָאט צוּא שְׁטָאט
בַּאקַאנְט צוּא מַאכִין , דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט
נִיט אֵיין מָאל הָאט עֶר צָרוֹת גִילִיטִין
נִיט אֵיין מָאל מִיט מְלָכִים , מִיט וִויכּוּחִים גִישְׁטְרִיטִין
עֶס הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִיפוּנֶען מֶערְדֶערְשֶׁע הֶענְד

מכירת יוסף

וָואס וַוארְפִין אִים אִין פַייֶער , עֶר זָאל וֶוערִין פַאר בְּרֶענְט
גָאר דֶער גָאט פוּן אַבְרָהָם , אִיז פוּל מִיט רַחֲמָנוּת
עֶר הָאט אִים מַצִיל גִיוֶועֶן פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע סַכָּנוֹת
דִיא מֶענְשִׁין וָואס הָאבִּין דָאס , גִיזֶעהֶען מִיט דִיא אוֹיגִין
הָאט עֶר פִּיל פוּן זֵייא צוּא זַיין אֱמוּנָה צוּא גִיצוֹיגִין
דֶעם זֶעלְבִּיגִין גְלוֹיבִּין הָאט עֶר פַאר זַיין לֶעבִּין
מַיין פָאטֶער יִצְחָק , אִיבֶּער גִיגֶעבִּין
מַיין פָאטֶער הָאט אוֹיךְ , מִיט חָכְמָה , מִיט תְּבוּנָה
צוּא גִיצוֹיגֶען הוּנְדֶערְטֶער , צוּא זַיין אֱמוּנָה
אוּנ אַזוֹי הָאט מִיר מַיין פָאטֶער דֶער הוֹיבִּין
אִין אֵיין גָאט , אֵייבִּיג צוּא גְלוֹיבִּין
וֶועלְכֶער הָאט קַיין גוּף , וָואס אִים דֶער הַאלְט
קַיין אָדֶערִין , קַיין גְלִידֶער , אוֹיךְ קַיין גִישְׁטַאלְט
עֶר הָאט קַיין אֵבָרִים , אוּנ דָאךְ קַיין בַּעַל מוּם
עֶר הָאט קַיין אוֹיגִין , אוּנ זֶעט אוּמֶעטוּם
אוּנ יֶעדֶער בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ , אִיז דוּרְךְ זַיין בַּגְרִיף
וַוייס וָואס אוֹיבִּין , וַוייס וָואס אִין דֶער טִיף
עֶר הָאט נִיט קַיין בְּרֵייט , קַיין הוֹיךְ , קַיין מָאס , קַיין צ…
אוּנ אִיז פוּל אוּמֶעטוּם , דָא , אוּנ דָארְט
קַיין פַאר בָּארְגֶענְהַייט , אִיז פוּן אִים פַאר שְׁטֶעלְט
עֶר טוּט וָואס עֶר וויל , עֶר וויל וָואס אִים גִיפֶעלְט
גוּטֶע גִיט עֶר שָׂכָר , שְׁלֶעכְטֶע וֶוערִין בַּאשְׁטְרָאפְט
פַאר לָאזְט נִיט דֶעם , וֶועלְכֶער צוּא אִים הָאפְט
וְוִיא וואוֹל אִיךְ לֶערִין אַלֶעמֶען , וָואס גָאט הֵייסְט
אָבֶּער דִיר נָאךְ מֶער , וַוייל דוּא בִּיזְט מַיין טְרֵייסְט
דַיין מוּטֶער וַואר מִיר , טַייעֶרֶער פוּן אַלֶע

דוּא

דוּא מַיין בֵּן פּוֹרָת , בִּיזְט איצְט איר אָרְט מְמַלֵא
די בְּכוֹרָה די הֶערְשַׁאפְט אין שְׁטוּב אונ אין פֶעלְד
גיב איךְ דיר איבֶּער , וַוייל דוּא בִּיזְט אַהֶעלְד
דֶען אין מַיין רְאוּבֶענֶען הָאבּ איךְ דֶער קֶענְט
אַז עֶר איז צוּא הַיילֶענְד , עֶר פְּלַאמְט , עֶר בְּרֶענְט
אוּנ אַהֶערְשֶׁער צוּא זַיין , איז דיא הוֹיפְּט זַאךְ גידוּלְדִיג
וָואנְסְט קָאן דֶער רַיינֶער , לַיידִין אוּם שׁוּלְדִיג
דְרוּם גיב איךְ דיר דיא בְּכוֹרָה איבֶּער
דָאצוּ אַהֶעמְדִיל אין פַּאסִין , וַוייל דוּא בִּיזְט מִיר לִיבֶּער
צוּם בַּאוַוייז אַז דוּא שְׁטַיינְסְט שׁוֹין , דיא בְּרִידֶער אַרִיבֶּער
דֶען דֶער בְּכוֹר דַארְף גֵיין , אַנְדֶערְשׁ גִיקְלֵייט
צוּם בַּאוַוייז אַז עֶר איז דֶער הֶערְשֶׁער , נָאכִין פָּאטֶערְס טוֹיט
מַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו , הָאט אויךְ קְלֵיידֶער פְּרֶעכְטִיג אוּנ קְלָאר
אֵיידֶער מַיין פָּאטֶער , מַאכְט מִיר פַאר אַבְּכוֹר
צוּא וַוייזִין אַז דוּא בִּיזְט בַּייא מִיר מֶערֶער גִיאַכְט
גיב איךְ דיר אַזֵיידֶענֶע הֶעמְדִיל , פוּן מִצְרַיִם גִיבְּרַאכְט
פַאר אַצֵייכִין פוּן הֶערְשַׁאפְט , וֶועט זיא דיר דִינֶען
דוּא וֶועסְט רִיכְטִין , שְׁטְרַאפִין , נָאךְ דַיין פַאר שְׁטַאנְד אוּנ זִינֶען
דוּא קֶענְסְט דיא הֶערְשַׁאפְט , איבֶּער גֶעבִּין דַיינֶע דוֹרוֹת
דוּא בִּיזְט מַיין בֶּן זְקוּנִים , דיךְ רוּף איךְ בֵּן פּוֹרָת
איךְ גֵייא יֶעצְט מַיין קִינְד ! אין מַיין חֶדֶר בַּאזוּנְדֶער
בֶּעטְרַאכְטִין , אוּנ לֶערְנֶען , גָאטֶעס וואוּנְדֶער

(יַעֲקֹב גֵייט אַרַיין אין זַיין חֶדֶר , יוֹסֵף פַאר בְּלַייבְּט אַלֵיין)

יוסף

מַיין פָּאטֶער הָאט מִיר , פַאר אַהֶערְשֶׁער גִימַאכְט
צוּם צֵייכִין טוּט עֶר מִיר אָן , אַהֶעמְדִיל אָפְּרַאכְט

דאס

וואס איך מעל הערשין , מיט קראפט , מיט מאכט
אונ דעם גידאנק פון הערשין , בייא טאג ווען איך טראכט
קומט דאס מיר פאר , אין טרוים בייא נאכט
שוין דעם צווייטין מאל אז מיך טרוימט , אונ וויא קלאר
פונקט וויא עס וואלט דאס , זיין אויפין וואר

(דיא צעהען זין פון יעקב קומען אריין גיקליידעט נאך
אזיאטעשין פארעם מיט פייל אונ בוגענס ביי דער זייט ,
יוסף במערקט אז זיי קוקין אויף אים אייפערזיכטיג , ער
זוכט ווערטער , אריין צו קומען מיט זיי אין א גישפרעך)

יוסף

איך האב אייך דער ציילט מיין חלום נעכטין
וואס איר רעכינט מיר דורך דעם פאר א שלעכטין
אז צוא מיין גארב בוקין זיך אייערע גארבין
איך באמערק , אייער גיזיכט , ביט זיך אין אלערלייא פארבין
נאר רעט וואס איר ווילט , טראכט וואס איר טראכט
הערט נאר מיין טרוים פון היינטיגע נאכט :
היינטיגע נאכט , טרוימט מיר א טרוים
אז איך שטייא אונטער דעם הויכין רוים
פלוצלונג הייבין זיך אן פלאנעטין צוא קערין
אונ דיא זון מיט דיא לבנה מיט עלף שטערין
בוקין זיך אלע מיט הכנעה צוא מיר
פונקט וויא דער קנעכט פאר זיין הערינס טיר

(יעקב הערט עס אין זיין חדר , ער קומט אריין , אונ
בייזערט זיך אן אף יוסף)

יעקב

דוא רעדסט נאך איבער, דיא דומהייט ווידער
אז איך אונ דיין מוטער, אונ דיינע ברידער
וועלין שטיין פאר דיר, געקניטער הייז
פאר געסט אז דיין מוטער, איז שוין לאנג טוים

(יעקב גייט צריין צוריק אין זיין חדר, יוסף גיי
אים נאך, דיא ברידער פאר בלייבין)

שמעון

וויא געפעלט אייך קינדער זיינע חלומות ?!
ער איז דאס דער פאסטוך, אונ מיר דיא בהמות!

לוי

גיין ברודער! דוא זאגסט נאך שלעכט
ער איז דער הערשער, אונ מיר דיא קנעכט

יהודה

אויב איר ווייסט ניט איצט, וואס דיא העמדיל בטייט
וועט איר עס פאר שטיין, מיט דער צייט

זבולון

ווייל ער פון הערשין טעגליך טראכט
דרום טרוימט זיך אים דיא זעלבע ביא נאכט

ראובן

איר ווייסט זיין מיין, פון די רכילות טרייבין ?
כדי ער זאל דער איינציגער יורש בלייבין,

יעקב

גאט איז גירעכט , אף אלין וואס ער טוט
מיינע זינד פאר גיסין , די אום שולדיגע בלוט
רחל האט מיר שוין היינט , אן גיזאגט דיא בשורה
אז חיות צו רייסין דיר , דיין לייב האט קיין קבורה
וואו וואלגערט זיך יוסף , דיינע אידעלע ביינער !
איך שרייא , איך פרעג , עס ענפערט מיר קיינער !
מיא האט ניט גילאזין , קיין פלייש קיין ביין
דיא ביינער אויך צוא גריזעט מיט דיא ציין
מיין איינציגער נחת ! מיין טרייסט מיין פרייד !
וויא ווערסטו פון מיר פלוצלונג אפ גישייד !

(יעקב פאלט אראפ פון שטול , דיא קינדער לויפין צו)

יעקב

רחל ! רחל ! מיין עקרת הבית
פון דיין קינדס פלייש זעטיגין זיך חיות
שטייא אויף רחל ! פון דיין קבר שטייא אוף !
אפשר ווערסטו נאך גיפינען , אסמן פון זיין גוף
אום זאנסט האסטו גיקלאגט , טעג מיט יארין
אום זאנסט האסטו גיהאפט , אויף יוספס גיבארין
פער לארין דיין מיה , פער פאלין דיין יגיעה
אקורצע צייט האסטו נאר גיהאט אזכיה
צו פרייען זיך מיט אים , נחת צוא גיניסין
חיות אין וואלד האבין אים איצט צוריסין
דרום ביזטו ניך פון דער וועלט אב גיפלויגין ?

זאלסט

וָאלְסְטְ דִי צָרוֹת נִיט זֶעהֶען , מִיט דַיינֶע עֲשָׂרָה אוֹתִיּוֹת
אִיצְט שְׁפִּירְסְטוּ קֵיין צַעַר
ווייסְט פוּן קֵיין גְזֵר
פוּן הַיינְטִיגִין טָאג
ווייסְטוּ קֵיין קְלָאג
בִּיזְט זַאט מִיט פְרֵייד
ווייסְט פוּן קֵיין לֵייד
פוּן דִיא שְׁכִינָה אִיר לִיכְט
שַׁיינְט דַיין גִיזִיכְט
קֵיין טְרוֹיעֶר , קֵיין יָאמֶער , אִין דַיין רוּהִיגֶע דִירָה
מִיט דִיא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים , זִינְגְסְטוּ מִיט שִׁירָה
לִיבֶּערְסְט וָואלְט מֶען מִיךְ אוֹיךְ צוּם קֶבֶר גִיטְרָאגִין
אֵיידֶער אִיךְ דַארְף הַיינְט , נָאךְ יוֹסֵפְן קְלָאגִין
מַיינֶע זִיסֶע חֲלוֹמוֹת , זַיינֶען אִין יַם דֶער טְרוּנְקֶען
מַיינֶע זִיסֶע הָאפֶענוּנְגֶען , הָאבִּין אִין תְּהוֹם פַאר זוּנְקֶען
מִיךְ טְרוֹיסְט אַז יוֹסֵף וֶועט מִיךְ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער שְׁפַּייזִין
אָבֶער הָאפֶענוּנְגֶען , ווילִין נָאר דֶעם מֶענְשִׁין פַאר גְרַייזִין
דוּא שְׁפַּייזְט מִיךְ הַיינְט , מִיט טְרֶערִין מִיט שְׁווייס
דוּא שְׁפַּייזְט דִיא חַיּוֹת , מִיט דַיין אֵיידֶעלֶע פְלֵייש

(יַעֲקֹב פַאר בְּרֶעכְט דִיא הֶענְד אוּנ לָאזְט אַרָאפּ דִיא קָאפּ , עֶס קוּמֶען אַרַיין זַיינֶע שְׁנִיר אוּנ זַיין טָאכְטֶער דִינָה , אוּנ בִּנְיָמִין אַאיינְגִיל פוּן נַיין יָאר , יַעֲקֹב נֶעמְט אִים פַארִין הָאנְד)

יעקב

דוּא זֶעסְט בִּנְיָמִין ! וואוּ זַיין בְּרוּדֶער הַאלְטְ ?

ראובן

איהר ווייסט זיין מיין פון רכילות טרייבען?
כדי ער זאל דער איינציגער יורש בלייבען.

יששכר

אזוי פיהרט זיך די וועלט, אזוי געפינען מיר בעשריבען
איין זוהן ירש׳ענט, די איבעריגע ווערען פערטריבען,
ווייל הבל האָט געוואָלט קין׳ען פון ירושה פעריאָגען,
דרום האָט איהם קין צום טויט געשלאָגען.
דער אלטער נח האָט חמ׳ען פערטריבען,
נאָר איין שם איז ביי דער ירושה געבליבען;
דער עלטער-זיידע אברהם גיט יצחק׳ן ירושה, —
ישמעאל׳ן מיט זיין מוטער פערטריבען מיט בושה;
דער זיידע יצחק גיט אונזער פאָטער די ברכות,
און עשו׳ן א פרנסה, פון שווערד מלאכות.
אָט דעם זעלביגען עסק, דעם אייגענעם משא-ומתן,
מאַכט דאָ יוסף מיט אונזער אלטען טאַטען.
קריכט מיט חניפות צו איהם אין בוזים אריין,
כדי אונז מעביר נחלה צו זיין. —

נפתלי

די וועלט זאגט: ווען עס איז פוסט דער מאגען,
יענער מוז פיעל כעס טראגען.

אשר

מיר זענען דאָך נאָר עסען געקומען,
וואָס האָבען מיר זיך אין רייד פערנומען.

ג ד

קומט ברידער! שוין צייט מיטאָג עסען,
דאָס וועט אייך די שנאה פערגעסען

ד ן

אז מיר ווילען דעם מאגען זיין מהנה,
ווילען מיר שוין דעם צווייטען ניט זיין מקנא.

(די ברידער גנעהען ארויס, יעקב קומט אריין, מיט דעם ספר אין האנט. נאָך איהם יוסף, ער זעצט זיך אויפ'ן שטוהל, יוסף נעבען איהם, יעקב קוקט אין ספר, פּלוצלונג ווערט ער ענטציקט פון דעם ספר).

יעקב

פיעל בין איך עס ביי דיר ווערט,
אַז איך האָב דיר דעם ספר ערקלערט.

יוסף

איך קען דיר פאטער ביי מיין לעבען שווערען,
אז איך וועל טאָג און נאכט אין דעם ספר קלערען.
איך וואלט וועלען מיינע ברידער זאלען אויך האלטען דאָס געבאָט,
ניט אָפּקעהרען פונ'ם וועג, פון דעם לעבעדיגען גאָט;
ווייל פיעל מאָל טהוען זיי וואס ניט רעכט:
די קינדער פון בלהה, רופען זיי קנעכט;
דו פאָטער האָסט דאָך אונז געלערענט פערקעהרט, —
מביש זיין א חבר, זאל ניט ווערען געהערט.
אַלע זענען מענשען, ווער נאָר אַן אָטהעם האָט,
רייך און אָרים זענען גלייך ביי גאָט.
בפרט ברידער מוזען זיך געוויס זיין צַיית,
איינער דעם צווייטען ניט צו זיין מביש.

יעקב

(צום קנעכט).

שמה!

(שמה לויפט אריין).

שמה

וואָס ווינשט איהר, מיין הער?

יעקב

די קינדער האָבען אָפּגעגעסען? רוף זיי אהער!

(שמה לויפט ארויס).

יעקב

(צו יוסף'ן).
באלד זאג איך די קינדער אָן,
זיי זאלען ווייטער די אומרעכט ניט טהאָן.

יוסף

נאָר פאטער מיט א געלאסענע מינע,
זיי זאלען אויף מיר ניט טראָגען קיין שנאה.

יעקב

זיי רוהיג מיין קינד, איך וועל געוויס פערשטעהן
מיט געלאסענע ווערטער מיט זיי זיך צו בעגעהן.

(די ברידער אלע קומען אריין, געגעהענען צום פאטער).

אלע

וואָס איז ליעבער פאטער?

יעקב

ניין, קינדער! נאָר עטוואָס מאָראַל,
מוסר שאדט קיין מאָל ניט, דאָס איז א כלל.
דער מענש מוז זיך בערעכענען אלע טאג, אלע צייט,
ער זאל פון פונקט ניט אוועקגעהן ווייט;
אויף יונגע מענשען איז דאָס געזאָגט געוואָרען,
בפרט איך צו מיינע אלטע יאָהרען.
איך בין שוין א מאן פון הונדערט אכט יאָהר;
מיין קאָפּ, מיין באָרד, איז פול מיט גראָע האָר.
מיין לעבען איז אוועק, אין צרות, אין רויך,
פון עשו'ן, פון לבן'ען, פון דינה'ן אויך.
דער טאָג פון טויט איז פון מענשען פערשטעלט,
אומגעריכט פערלאָזט מען א וועלט;
איך לאז איבער אַן אייגענס פאר אייך, מיינע קינדער:
זילבער און גאָלד, שאָף און רינדער;
עופות אין הויף, האָניג אין די זוועלדער,
הויזראט אין שטוב, תבואה אויף די פעלדער;
איהר וועט געניסען, מיט פערגעניגען, פרעהליכערהייט,

אייער טאַטענס מיה, וואס האָט אייך אָנגעגרייט ;
אבער פיעל מענשען האָבען דעם פעהלער געהאט,
בעקומען האָפערדיגקייט, ווען זיי זענען זאַט,
געהען אויפ׳ן גאס מיט גאוה, מיט שטאָלץ,
פערראכטען דעם צווייטען, ווי שטיין, ווי האָלץ,
רעכענען דעם אנדערען, פאר זיך גרינגער
שעצען קיין מענשען, קיין עלטער, קיין אינגער, —
אפילו אייגענע ברידער זענען זיי מביש,
היט אייך קינדערלעך ! דאָס איז חיות !
גאָט האָט אלעמען אין איין פורעם בעשאפען,
אָרעמע און רייכע, הערען און שקלאפען,
שעצט יעדען מענשען מיט ענוה זייט געציהרט,
אזוי האָט זיך מיין זיידע אברהם געפיהרט.
מיין פאטער האָט אויך קיינעם בעריהרט.
שענדליך איז יענער, ווער עס שטאָלצירט,
ער ווערט אויסגעלאכט פון גאָט און פון לייט ;
יאָגט ער זיך נאָך כבוד, איז דער כבוד פון איהם ווייט,
געהט אלע קינדער אין פעלד, אייער שאָף ווײדען,
אין אנ׳אנדער צייט, וועל איך מעהר דערפון ריידען.

(יעקב שטעהט אויף פון זיין שטוהל, געהט אריין אין זיין חדר, יוסף געהט איהם נאך, די ברידער בלייבען אליין).

יהודה

די רייד פון אונזער פאָטער, ווי געשמאַק, ווי זיס.

זבולן

דאָך איז דאָ פאראנען פון בעל רכילות א ביס.

(שמה דער קנעכט, וועלכער איז ביז יעצט געשטאנען ביים טיר, גע־נעהענט צו די ברידער).

שמה

יוסף האָט ערשט מיט אייער פאטער גערעדט,
ער האָט איהם דערצעהלט פון אייך דעם חטא.
דאָס איהר שטאָלצירט, מיט גאוה פיעל,
אייער פאָטערס רייד, שטרעבט אויך צו דעם ציעל.

שמעון

ניין, ברידער! איך וועל מיך מיט איהם ניט קריגען,
מען וועט איהם ניט ארויסטרייבען מיט ווערטער די פליגען.
צו דעם יונג וועל איך אן אנדער מיטעל קריגען.

(ענדע ערשטע סצענע).

צווייטע סצענע.

(אין פיער וואכען ארום).

(דער וועג ביי דותן, עטליכע בוימער ביי דער זייט, א פאר שטיבלעך איז צו זעהען פון דער ווייט, נעבען די בוימער הינ־טען איז צו זעהען עטליכע פאסטוכער, די בהמות פיטערען זיך אויפ'ן לאנקע. פון פארענט איז צו זעהען א גרוב, לעבען גרוב געהט ארום יוסף. אויפ'ן פלייצע א הירטענטאש. ער קוקט זיך ארום אזוי ווי ער זוכט וואס. פון דער אנדערער זייט קומט אן א מענש).

דער מענש

וועמען זוכסטו? יונגער מאן!

יוסף

מיינע ברידער, ווייסט איהר ניט, וואו זיי זענען פאראן?

דער מענש

ווער זענען זיי?

יוסף

יעקב העברי'ס קינדער.

דער מענש

אָט ניט לאנג זענען זיי דאָ געוועזן,
אויפן' וועג פון שכם האָב איך זיי געזעהען;

איך האָב געהערט, ווי זיי ריידען,
אַז זיי ציהען קיין דותן, די שאָף ווײדען.

(דער מענש געהט אוועק. יוסף קוקט זיך ארום. ער דערזעהט די ברי־
דער פון ווייטען).

יוסף

מיינע אברים ציטערען, מיט שרעק, מיט רעש:
איך פירכטע מיך פאר זייער כעס.
איך מוז אבער פאלגען, מיין טאַטען דעם אלטען,
זיין שליחות איז מיר היילִיג, איך מוז עס האלטען;
מיך וועט שטיצען די מצוה, דער זכות,
דער פאטער שיקט דאָך מיר, ברייננגען א גערוס,
וואָס טהוען די ברידער, וואס מאכען די שאָף,
דאָס וועט מיך שטיצען פון זייער שטראָף.

(יוסף געהט ווייטער, נאהענט צו די ברידער).

לוי

אַט געהט דער בעל חלום, איך זעה איהם שוין קלאָר.

שמעון

ער הערשט אין חלום, אבער ניט אויפ׳ן וואָהר.

זבולן

לאָמיר רייצען די הינט, איהם נאָכצוויאָגען.

שמעון

ניין! איך וועל איהם ליבערשט מיט מיין האנט דערשלאָגען.

(יוסף גענעהענט צו זיי).

יוסף

אונזער פאטער שיקט מיך אייך ווערען געוואָהר.
דאָס פריעד פון אייך מיט די שאָף, צו וויסען קלאָר.

(שמעון כאפט איהם ביים האלז).

שמעון

דו האָסט דאָס רכילות פאר׳ן פאטער געטראָגען,
גלייך וועךסטו טויט געשלאָגען!!

(ראובן שטעהט ניך אויף, כאפט שמעון'ס האנט).

ראובן

ברידער! ברידער! פארגיסט ניט קיין בלוט!
זעהט זיך ארום, איידער איהר טהוט!
אָט איז א גרוב, ווארפט איהם ליעבערשט אריין,
נאָר אין אונזערע הענט, זאל קיין בלוט ניט זיין!

(לוי, יהודה, זבולן, טראגען איהם צום גרוב, ציהען איהם אפ דאס העמ־דעל, ווארפען איהם מיט האסט אריין. עס הערט זיך א געשריי „אוי" און עס בלייבט שטיל. די ברידער אלע געהען אוועק אויף זייער ארט).

יוסף

(פון גרוב).

אָ, ווי גרויס איז דער כעס פון מיינע ברידער,
איך האָב געמיינט עס צושיטען זיך מיינע גלידער.
אח, ווי שווער דער דאמפ איז דאָ, ניט צו דערהאלטען, —
עגדעשען, שלאנגען, פול אין די שפאלטען.
איך בעשווער אייך שלאנגען, מיט דעם נאָמען פון גאָט —
וועלכער הימעל און ערד בעשאפען האָט,
איהר זאלט אייער גיפט, אין זיך האלטען,
איך בין אן אייניקעל, פון אברהם'ען דעם אלטען,
ער איז געוועזן דער ערשטער אויף דער וועלט,
וואָס האָט די ריינע אמונה, פאר אלע ערקלערט.
יצחק דער גרויסער, ער איז מיין זיידע,
וועלכער איז פרעהליך געגאנגען צו דער עקידה,
ווי א ריינער קרבן, ווי אן אָפפער ריח,
האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האלז, אויפ'ן מזבח.
איך בין דער זוהן פון יעקב, די הייליגע נשמה,
וואָס האָט מנצח געוועזן א מלאך אין דער מלחמה.
איך בעשווער אייך אינ'ם נאָמען פון מיינע הייליגע אבות,
איך בעשווער אייך מיט דעם נאָמען פון הגואל ממות,
וואָס בעשאפט די זון, די שטערען, די ערד, דעם ים,
איהר זאלט מיר ניט טויטען מיט אייער גיפטיגען סם.

(די ניין ברידער קלייבען צוזאמען שטיינער, און זעצען זיך עסען. ראובן שטעהט ווייט פון זיי. ער פערשפרייט די הענט צום הימעל).

ראובן

איינציגער הערשער, איבער אלע דיינע וועלטען,
דו בויסט מיט חכמה, דיינע הימעלשע געצעלטען;
האָסט מיט רחמנות די נאַטור געשטעלט,
מיט חסד, מיט רחמים, פיהרסטו דיין וועלט;
דיין חסד ווערט געזעהען אומעטום,
פון דעם טאַנענבוים, ביז די בלום;
פון דעם מילב, ביז דעם העלפאנד,
איז אומעטום דיין רחמנות בעקאנט.
שיק אריין דיין רחמנות צו מיינע ברידער,
אומצוקעהרען יוסף'ן צום פאטער ווידער.
מיר זאלען ניצול ווערען פון עונש פון גזר,
און אונזער פאטער פון גרויסען צער.

(ווי די ניין ברידער עסען, לעגט יהודה זיין ברויט אנידער, ווייל איהם נעהמט קיין עסען איין).

יהודה

מיין הארץ קלאפט מיר, עס טרייסעלט א צאָהן אָן א צאָהן,
מיר יעקב'ס קינדער, זאלען אזוי אן אומרעכט טהאָן.

שמעון

איצט ווילסטו ניט, וואָס דו האָסט פריהער געוועלט,
אַ ווײלע וואַרפט דיר אין היץ, א ווײלע אין קעלט.

יהודה

ווייל דו האסט א שטיינערנע הארץ,
פיהלסטו קיין פרייד, שפירסט ניט קיין שמארץ;
אבער פליישענע הערצער ווערען געביטען,
ווייל דער צער, דער רחמנות, ערוועקט איהם די זיטען.

ג ד

אָבער לאָזען איהם צום פאטער, קען עס אויך ניט גילטען,
ווי נח כנענ'ען, אזוי וועט ער אונז פערשילטען.

(אראבער פאהרען אז מיט קעמלען, דיברידער קוקען זיך אום).

לוי

אט געהען אראבער מיט סחורה.
פיליכט געהען זיי צום גרוב, האב איך מורא.

יהודה

איך וועל איהם צו די אראבער פערשקלאווירען,
אז זיי זאלען עס גאר ניט שפירען.

(יהודה געהט צו די אראבער, די ברידער געהען איהם נאך).

יהודה

א גוטער מארגען מיינע הערען!

די אראבער

גוט מארגען, גוט יאהר!

יהודה

וואוהין פאהרט איהר עס אזוי געלאדען שווער?

די אראבער

קיין מצרים, ליעבסטער הער.

יהודה

פיליכט וועט איהר ביי אונז א סחורה קויפען,
וואס האט קיין גלייכען אין איהר אופן.

טלמון פון די אראבער

וואס איז פאר א סחורה? פיעל באטרעפט?
ווייזט, פיליכט וועלען מיר מאכען געשעפט.

יהודה

מיר האבען צו פערקויפען א קנעכט א גוטען,
אבער אן אויסנאהם, ניט קיין פשוט'ען.
איהר באקומט ניט זיין גלייכען אין דער וועלט,
און איהר קענט איהם האנדלען אין גלייכען געלט.

טלמון דער סוחר

ווייבאלד איהר ריהמט איהם אויף אזא אופן,
טאָ וואס לוינט אייך איהם צו פערקויפען.

יהודה

דער קנעכט האָט ניט לאנג בעקומען א חסרון,
ניט לאנג איז דאָס איהם געוואָרען,
נאָר דער פעהלער איז פאר אונז, ניט פאר אייך,
אזוי איז ער מיט אלע מענשען גלייך.
דער יונגער קנעכט, פון זיין געבאָרען,
איז ער גלייך מיט אונז ערצויגען געוואָרען.
ביז ער האָט זיך איינגערעדט דעם געשלידער,
רופט אונזער פאטער „טאַטע", אונז „ברידער".
שאפען מיר זיך מיט איהם א שליחות,,
נעמט ער זיך רעכענען מיט אונז יחום;
הייסען מיר איהם טהאָן א מלאכה,
זאָגט ער מיר זענען פון איין משפחה.
שלאָגען מיר איהם, מאכט ער א גערודער.
ברידער שלאָגען אן אייגענעם ברודער?
מיר האָבען אין גלעד געפרעגט א סגולה,
האָט מען אונז געהייסען טהאָן א תחבולה:
מען זאל איהם דערשרעקען, אונגעריכט,
ביז עס זאל זיך בייטען דאָס בלוט אין געזיכט;
אָדער פון א הויכען באַרג איהם וואַרפען אראָפּ
דאן וועט איהם ארוים דער שום פון קאָפּ,
מיר האָבען דאָס שוין אויך געטאָן,
און דער יונג בלייבט ביי זיין שגעון;
מיר האָבען איהם היינט גענומען פון שטוב,
און פלוצלונג אריינגעווארפען אָט דאָ אין גרוב;
‎:אָר אומזיסט אונזער מיה, אונזער לייד,
ןר שרייט פון גרוב אויף די זעלביגע רייד.
‎זויב אייך, בעסטער פריינד, דער קנעכט געפעלט,
‎קענט איהר איהם האנדלען, אין גלייכען געלט.

טלמון דער סוחר

ברייננט איהם אהער, מיר וועלען איהם זעהען,
וועט ער אונז געפעלען, קען דאס געשעהען.

יהודה

(צו די ברידער).

ניכער ברידער! גיט אייך א קער,
נעהמט איהם ארויס, ברייננט איהם אהער.

(די אראבער בלייבען דא שטעהן מיט די ברידער, שמעון, לוי לויפען צום גרוב).

שמעון מיט לוי

האלט זיך אן פאר די שטריק!
מען וועט דיר ארויסציהען צוריק!

יוסף

(פון גרוב).

איהר האט אייך פארט אהן מיר דערמאנט,
איהר האט מיר דאך, פאר א ברודער דערקאנט.
בלוט איז קיין וואסער, דאך איין לייב, איין זעל,
ניט פיעל לאזט איהר מיר, ליגען אין הייל;
אח, דער דאמפ, דער גרוך, ווי שטארק, ווי שווער:
עגדעש'ן, שלאנגען, וואו מען גיט זיך א קעהר.
זאגט מיר ברידער, מיין חטא אצינד,
וועל איך עס שוין מעהר ניט טהאן די זינד.
איך שווער אייך פאר עדות, די ערד, די זון,
אז דער פאטער וועט ניט וויסען א האר דערפון.

(די ברידער ענטפערען איהם קיין ווארט, פיהרען איהם צו די אראבער).

טלמון דער סוחר

(צו יוסף'ן).

שרעק דיך ניט, זיי בארוהט,
אן ארענטליכען מאן איי איבעראל גוט.

יוסף

(מיט שרעק).

איהר פערקיופט מיר! אוי וועה! אוי ווינד!
א קנעכט! א שקלאוו! יעקב'ס קינד!!

(די אראבער לאכען).

טלמון דער סוחר

וואַרף אוועק דיין שגעון,
וואָס האָבען דיר דען די לייט געטהאָן?

יוסף

וואָס קען מען שוין טהאָן ערגער שלעכט,
אַז ברידער פערקויפען א ברודער פאַר א קנעכט?!

(די ברידער לאכען).

יוסף

אויף דעם אלטען טאַטען האָט רחמנות ברידער!
קעהרט מיך אום צום טאַטען ווידער.

שמעון

טריקענסט דאָך אומזאָנסט דיין גומען,
דו קענסט שוין מעהר צו אונז ניט קומען.
פאַק איין אין רייזע-טאַש דיינע עלילות,
דיינע האָפערדיגע חלומות, מיט דיינע רכילות, —
און נעהם דאָס אלעס קיין מצרים מיט,
פיליכט דאָרטען וועלען זיי דיר טראָגען פראָפיט.

יוסף

(מיט שרעק).

אין מצרים?! דאָרט איז דאָך ביי זיי דער רעכט,
אז אייביג פערבלייבט אין מצרים א קנעכט,
ווען ער קען כאָטש ווערען ביז קעניג גרויס,
קומט ער שוין אויך פון דאָרט ניט ארויס.
וועה צו מיר!...

שמעון

שמיל!!! זאג איך, רייד נאך ניט א ווארט!!
בעקומסט גלייך דעם טויט אויף אן ארט!!

טלמון דער סוחר

דאס קימערט אונז ניט, מיר לאכען פון דעם,
זאגט אונז נאר, וואס ווילט איהר פאר איהם?

יהודה

דער מקח איז דרייסיג טאלער שטיק,
נעהמט אייך דעם יונג און פאהרט מיט גליק.

יוסף

איינציגער גאט! קוק אראפ אויף דיין וועלט,
ברידער פערקויפען א ברודער פאר געלט!

טלמון דער סוחר

(צו די ברידער).
דער מקח איז פאר א קנעכט אהן הסרונות,
ער אבער האט דאך אין זיך שגעונות.
צוואנציג טאלער, נעמט אויב איהר ווילט,
גערעדט, פערפאלען, געוואונען, — פערשפיעלט.

יהודה

לאז זיין מיט גליק, האנדעלט א מציאה;
נעהמט אייך דעם יונג, פאהרט אייער נסיעה.

יוסף

צו צוויי טאלער אויף א חלק, ברידער דאס איז גוט,!
פאר צוויי טאלער פערגיסט איהר אייער פאטערס בלוט?!
(די ברידער לאכען נאך מעהר. דער סוחר צעהלט אפ יהודה'ן די צוואנציג טאלער, זיי געהען צוריק אויף זייער ארט).

יוסף

(צו די סוחרים).

ליעבסטע פריינד! פיהרט מיך צו מיין טאַטען,
איהר וועט פיעל פערדיענען, אָהן דעם משא ומתן.

טלמון דער סוחר

(מיט צארען).

שטיל דו שוטה, דיין שגעון ווארף אוועק!
וועסט ריידען נאָך אמאָל, בעקומסטו שלעק!

(יוסף בלייבט שטיל, די אראבער פאהרען אָפּ, יוסף פיהרט די קעמלער, ביז מען זעהט זיי שוין ניט אויף דער סצענע, איינינע מינוטען פויזע. ראובן קומט אַן, לויפט צום גרוב, געפינט יוסף׳ן ניט. ער פערברעכט די הענט און לויפט צו די ברידער).

ראובן

יוסף איז דאָך ניטאָ אין גרוב.
ווי קום איך פאָרט צום טאַטען אין שטוב.

יהודה

שריי ניט ברודער, עס איז אלץ רעכט,
מיר האָבען איהם פערקויפט קיין מצרים פאר א קנעכט.

ראובן

דער טאַטע האָט דאָך איהם צו אונז געשיקט,
ער וועט דאָך זאגען, מיר האָבען איהם דערוואָרגען, דערשטיקט.

יהודה

איך זאג: מען זאל קוילען א ציגעלע א קליינע,
ווייל דאָס זעהט אוים, ווי מענשען בלוט ריינע,
כדי דער אלטער זאל עס ניט שפירען,
דערמיט זאל מען דאָס העמדעל באשמירען;
זאָגען, אז מיר האָבען עס אין וואלד געפונען,
דערביי האָט נאָך בלוט גערונען,
ביז ער וועט זיך אויף דעם בעשליכען,
אז חיות אין וואלד האָבען איהם צוריסען,

און מיר זאלען איצט מיט א שבועה שווערען,
אז קיינער טאָר עס דערפון ניט געוואָהר ווערען.

ראובן

לאָז זיין אזוי, איך האָב דאָך קיין ברירה,
נאָר פאר'ן טאַטען האָב איך מורא.
ברייננט מען דאָס העמדעל דעם אַלטען,
וועט ער געוויס פון כעס ניט דערהאלטען.

שמעון, לוי, יששכר זבולון

יהודה איז אייביג א געשיקטער מאן,
דאָס איז זעהר א גוטער פלאן;
מיר וועלען דעם סוד ניט אויפגעבען,
אפילו ווען עס געהט אונז אום לעבען.

(זיי גיבען זיך אלע הענט. קוילען א קליין ציגעלע. טונקען איין דאס העמדעל אין בלוט, צורייסען איהר אין עטליכע טייל. יהודה ווייזט זיי דאס העמדעל).

יהודה

אזוי איז גוט?

אלע

בראוואָ!!

(ענדע צווייטע סצענע).

דריטע סצענע.

(עס קומט פאר אינ'ם הויז פון יעקב. יעקב געהט ארום איבער'ן שטוב שרעקליך פערזארגט און רעדט צו זיך אליין.

יעקב

צייט איך בין פון פריה פון שלאָף אויפגעשטאַנען,
שרעקט מיר מיין הארץ, איך וויים ניט פון וואנען.
הענט און פיס טרייסלען מיר, מיינע אברים ציטערען,

איך פירכטע מיך פאר מיין חלום דעם ביטערען,
עס טרוימט מיר די נאכט, אז חיות אלערליי:
לייבען, שלאנגען, און אייזעל אויך אונטער זיי,
יאָגען אלע נאָך און אָקס א יונגען,
ביז זיי האָבען איהם פעסט בעצוואונגען.
ער שרייט מיט קולות, בעט זיך ביי זיי;
די אכזרים קימערט ניט זיין געשריי,
צורייסען גלידערווייז, ווער — א האנט, ווער — א זייט, —
גלייך זיי וואָלטען ניט הערען וואָס דער עלענדער שרייט.
ביז ער איז געבליבען אָהן קראפט, אָהן מאכט;
זיי אָבער פרעהען זיך מיט זייער יאכט;
איך כאפּ מיין פּייל און בויגען לויפען נאָך זיי;
דאן האָב איך מיך אויפגעוואכט פון מיין געשריי.
עס האָט מיר געברענט מיין כעס, מיין צאָרן,
און בין באלד צוריק אנטשלאָפען געוואָרען.
דאן איז מיר פארגעקומען אן אנדער חלום, —
אז מיין ווייב רחל עליה השלום,
שטעהט נעבען מיר, אין תכריכים געקליידט;
די אויגען פערוויינט, די הענד פערשפּרייט, —
און שרייט: יעקב! יעקב! שטעה אויף פון דיין שלאָף,
חיות צורייסען אונזער עלענדע שאָף. —
טרערען מיט בלוט, פון איהרע אויגען גיסען,
און האָט אויף זיך די תכריכים צוריסען.
דעם גאנצען טאָג מיין הארץ מיר שרעקט,
די טרערען האָבען מיר שוין דעם פּנים פערפלעקט.
איך קלאָג, איך וויין, איך וויים ניט וואָס,
גאָט פון הימעל! נאָך איז ניט פול מיין מאָס?!
מיט די צרות פון עשו'ן, בין איך נאָך ניט זאט,
פון לבנ'ען וועניג צרות געהאט.
די צרות פון דינה'ן איז מיר קנאָפּ אָפּגעגאנגען,
בעקומען דורך איהר א וועלט מיט שונאים.
מיט וויפיעל קעניגע האָב איך דאָס געמוזט שטרייטען,
געהאט די מלחמה פון אַלע זייטען,
א ווייל'ע רוהיג לאָז מיך גאָט זיצען,

טרערין מיט בלוט, פון אירע אויגין גיסין
אונ האט אויף זיך, דיא תכריכים צוריסין
דעם גאנצין טאג, מיין הארץ מיר שרעקט
די טרערין האבין מיר שוין, דעם פנים פער פלעקט
איך קלאג, איך וויין, איך וייס ניט וואס
גאט פון הימיל! נאך איז ניט פול מיין מאס?!
מיט דיא צרות פון עשו'ן, בין איך נאך ניט זאט
פון לבן ווייניג צרות גיהאט
די צרות פון דינה'ן איז מיר קנאפ אפנים
בעקומען דורך איר אנוועלט מיט שנאים
מיט וויא פיל קעניגע, האב איך דאס גימוזט שברייבין
גיהאט דיא מלחמה, פון אלע זייטין
אנויילע רוהיג, לאז מיך גאט זיצין
איך זאל קענען דיא צייט אין טוגענד בעניצען
איינציגער גאט! ערוועק דיין רחמנות!
בעשיץ מיינע קינדער פון אלע סכנות!

(עס קומט אריין יהודה, מיט דיא העמדיל אין האנד, נאך אים אלע ברידער, יעקב קוקט איבער מיט האסט אלע קינדער, אונ גיפינט יוספן ניט. ער שרייט פירכטערליך)

יעקב

וואו איז יוסף? זאגט מיר גישווינד!!
וויא איז מיר!! וואו איז מיין קינד?!!

אלע

צייט מיר האבין פון שכם גיצויגין

וואבין מיר נאך יוספן ניט גיזעהען אין דיא אויגיז
מיר גיפינגען גאר, דיא העמדיל אליין
דער קען פאטער! דאס איז יוספס, צי ניין?

(יעקב האפט מיט האסט דיא העמדיל, בעטראכט
איר גוט, שרייט פירכטערליך)

יעקב

מיין קינדס העמד איז דאס, אוי ווייא אוי גוואלד!!
חיות האבין אים צוריסין אין וואלד!!

(יעקב פאלט אין אונמאכט צו דער ערד, די קינדער
לויפין צוא טינטערין אים, זעצין אים אנידער אף
א שטול. ער שרייט יעמערליך)

יעקב

וואו האט איר עס גיפונען, אוי ווייא אוי ווינד!?
וואו ביזטו יוסף, יוסף מיין קינד!

יהודה

אף די וועג פון שכם, אין וואלד אן דער זייט
דער זעהען מיר ארויטע זאך פון דער וועיט
מיר גייען צוא נאהענט, מיר בטראכטין דאס גוט
דיא העמד ליגט צוא ריסין, ארום איז פול בלוט
מיר זוכין דארט וועיטער, אגליד צי אביין
אבער מיר גיפינען גאר, אשלאד פון בלוט אליין

(יעקב צו רייסט זיינע קליידער וואס ער טראגט)

דאס האט מען זיין העמדיל גיבראכט פון וואלד
חיות צוא ריי׳סין אים , אבר פאר אבר
ווייא איז מיר , אונ אייער מוטער , אין קבר

(דינה אונ דיא אלע שניר , ווייגען זייער פיל) ,

דינה

פאטער ! דוא האסט אונז גילערינט , אז אויף דער וועלט
זיצט דער מענש אין אגאנץ שוואכין גיצעלט
וויא דיא עלינדע שיף , אין דעם ים דעם גרויסין
דיא וואלין , דיא שטראמען , פון דיא זייטין איר שטויסין
אונ ביז זיא שלאגט זיך צו , צו אברעג
איז זיא אין גיפאר , דיא גאנצע וועג
שטראמען אונ ווינטין
פון פארינט , פון הינטיי
עס גייט ניט אוועק
ארגע אמינוט
דורך אוים אין שרעק
אין סכנות זיין בלוט
שרעק אונ פאר דרוס
איז אף יעדעי פוס
צרות אונ ניט נוט
אין יעדער מינוט
דאגה אונ זארגין
פון נאכט ביז מארגין
דעם פעלט פרנסה , דעם פעלט קינדער

דער איז אַקיילִיקֶע, דער אַבְּלִינְדֶער
דער האָט שׂוֹנְאִים, אַף זיין לֶעבּין לוֹיעֶרין
דער אַף קינְדֶער, זיינֶע אויגין טְרוֹיעֶרין
דעם נעמט מען זיין כָּבוֹד, דער גיפינט קיין רֶעכְט
דער איז אומְגְלִיקְלִיךְ, דוּרְךְ אוּנְטְרַייֶע קְנֶעכְט
דער גיט זיין פַּרְנָסָה, איז עק וועלט אַטְרַייבּ
דער איז אומְגְלִיקְלִיךְ, דוּרְךְ אַאוּנְטְרַייֶע ווייבּ
דער זוכט רַייכְטְהוּם, און גיפינט אֶבְיוֹנוּת
דער זוכט כָּבוֹד, און גיפינט בִּזְיוֹנוֹת
דער זוכט מֶמְשָׁלָה, און גיפינט דעם טויט
דער האָט פיל קינְדֶער, און האָט קיין ברויט
דער זוכט גְלִיק, און טְרֶעפְט פֶער קֶערְט
דער שְׁרַייט "אֶמֶת!" און ווערט ניט גיהערט
נאָר וואס בֶּעטְרֶעפְט, יֶעדֶע צָרָה, יֶעדֶער נויט
קעגין דעם שְׁרֶעקְלִיכִין פִינְצְטֶערין טויט
וויא דער נאָרים קעגין לייבּ, דיא ליכט קעגין פלאם
וויא אַטְרָאפין וואַסֶער, קעגין דעם גרויסין ים
דאַ שְׁטַארְבְּט אַפָּאטֶער, אָן אַטָאלק אָן אַלַאד
בְּלַייבִּין ווייבּ און קינְדֶער, אַף אֵייבִּיג נָע וָנָד
דאַ שְׁטַארְבְּט אַבֵּן יָחִיד, דער טְרֵייסְט פון שְׁטוּבּ
דיא מוּטֶער לֵייגְט זיך, מיט אים אין איין גְרוּבּ
דאַ לֵייגְט מען אַכַּלָּה, אין פִינְצְטֶערין קֶבֶר אַריין
מָארְגִין האָט דאס גיזָאלְט, איר חֲתוּנָּה זיין
דאַ גיפינט אַקֶענִיגְס זון, אין קֶבֶר זיין מְנוּחָה
וואס איז שוין בֶּשְׁטִימְט גיוועען, צו יַרְשֶׁענֶען די מְלוּכָה
דאַ זיינֶען דְרַייא קינְדֶער, בַּייא אַפָּאטֶער גישְׁטָארְבִּין
איצט

איצט טראגט ער דעם לעצטין, פארין טויט אנרדן
ווער איז דער איינער, וואס זאגט גאט אדעה
דא העלפט קיין שוחד, דא גילט קיין מטבעה
זיין וועלט ראד לויפט, וויא ער איהם דרייט
ער פירט זיין וועלט, וויא ער פאר שטייט
דאס איז טאקע דיין לעהרע, פאטער גיטרייער
פון אמת גיבויט, וויכטיג און טייער
גידיינק דעם וועלט פירער, ווער עס גיבאט און הייסט
דיינע איינענע ווערטער, זאל דיר דינען צום טרייסט

יעקב

יע מיין קינד! ווען איז דאס גירעט
אז דער מענש אליין, האט אין דעם קיין חטא
דער מענש מוז זיך אליין פון סכנות פער היטין
און בעטין גאטעס שטיצונג, זיין הילף אין מיטין
אבער דא בין איך שולדיג, גיהייסין עם איינעם נ״
אין אוועג פון סכנות, גישיקט אים אליין
זיין קינדער, איך וועל אים אייביג בדויערין
ביז צו מיין קבר, וועל איך נאך אים טרויערין

(אין דער צייט ווען יעקב רעט, קומט ארין יצחק מיט אשטעקין אין האנד דען ער איז בלינד, ווען יעקב רעט בעמערקט ער ניט אז זיין פאטער איז אריין, דער נאך דער זעהט ער אים, און פאלט ארויף אף יצחק'ן)

פאטער! אפין בארג מוריה, הייסט גאט דיך צו שעכטין דאר־

נָאךְ הָאט מֶען נָאר מַקְרִיב גִיוֶוען אַשֶׁעפְּס , אַף דַיין אָרְט
אָבֶּער מַיין יוּנְגֶען שֶׁעפְּס , הָאבִּין טַאקֶע חַיוֹת צוּא ויסִין
צוּא פְלִיקְט , צוּא שְׁלֶעפְּט , נִיט גִילָאזִין קַיין בֵּיסִין
נִיטָא שׁוֹין דֶער טוּרֶעם , אַף צְוֶועלְף זַיילִין גִיבּוֹיט
אַוּוינְד הָאט אַיין גִיבְּרָאכִין , מַיין יוֹסֵף אִיז טוֹיט ! !

(יִצְחָק זֶעצְט זִיךְ נֶעבִּין יַעֲקֹב , אַף אַשְׁטוּל , וֵויינְט זֵייעֶר פִּיל , אַנְטְוָוארְטֶעט אִים מִיט זַאנְפְטֶע , לַאנְגְזֶמֶע , עֶרִינְסְטֶע וֶוערְטֶר) ,

יצחק

מַיין לֶעהֶרֶע יַעֲקֹב ! בֶּעטְרַאכְט מִיט אַזִינֶען
וֶועט דָאס דִיר פַאר אַטְרֵייסְט דִינֶען
גָאט הָאט בֶּעשַׁאפִין , זַיין וֶועלְט וָואס זִיא גֵייט
מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם רָצוֹן , נִיט גִינֵייטֶער הֵייט
קֵיינֶער צְווִינְגְט אִים , צוּא בֶּשַׁאפִין אַוֶועלְט
נָאר מִיט זַיין ווִילִין , ווִיא אִים גִיפֶעלְט
אָן דִיזֶע קְלֵיינֶע וֶועלְט
הָאט אִים אוֹיךְ נִיסְט גִיפֶעלְט
גָאט הָאט נִיט אִין זִיךְ אַחֲרוֹן
אַז דוּרְךְ דִיא וֶועלְט , אִיז אִים וָואס בֶּעסֶער גִיוָוארִין
הַיינְט וָואס לוֹינְט אִים אַוֶועלְט ? קֶענֶען מִיר פְרֶעגִין
וָואס נוּצְט אִים אַמֶענְשׁ ? וָואס אִיז אִים דָא גִילֶעגִין ?
וָואס הָאט עֶר פוּן אִים ? וָואס טְרָאגְט עֶר אִים אַיין ?
עֶר אִיז אָן אִים גִיוֶוען , אוּנ וֶועט אָן אִים זַיין
קֶענֶען מִיר דָאךְ דֶער פוּן , נִיט אַוֶועק גֵיין
אַז דִיא וֶועלְט אִיז נָאר , פוּן מֶענְשִׁינְס טוֹבָה אַלֵיין
וָוארוּם דִיא גַאנְצֶע נַאטוּר , צוּ לִיבּ אִים עֶהְסֶערְטִיוִיט

דאס איז אלין אין זיין האנד און דער מענש רעגירט
און אויב דער טויט, זאל שוין זיין דער סוף
איז דאך דער לעבין ניט קיין טובה, נאר אשטראף?! --
ערקלערט דאך אונז דער איינענער גיפיל
אז דער מענש איז בעשאפין, צוא אגרעסערין ציל
צוא אערהאבענעם צוועק, גייען אונזערע טריט
צוא אתכלית אהויכין, וועלכין מיר פאר שטייען נאך ניט
דען כל זמן מיר זיינען, מיט דעם קערפער אין איינעם
קענען מיר ניט פאר שטיין דעם תכלית דעם ריינעם
מיר ווייסין נאר אז עס איז דא, אבער ניט וויא, ניט וואס
דען דער שכל איז גיגרענצט, מיט אגבול מיט אמאס
דרום זייא ניט מתרעם, אף דעם טויט פון דיין קינד
צוא אהעכערין תכלית, גייט ער אצונד
און פיליכט לעבט ער נאך — דאס קען נאך אויך זיין
און זיינע חלומות, וועסטו נאך זעהען פארין שיין
הכלל דיין צער דריקט מיר, דרום וויין איך מיט
אבער גאטעס פירונג, פאר שטייען מיר ניט —

יעקב

דער שכל ביין מענשין, איז וויא אפידיל אין האנט
אויב אמענש איז בייא איר, שפילט זיא אקוראנט
מיין טרויער צער, האט מיר אזוי איין גיבויגין
אז דער צער האט דעם שכל אריבער גיוואויגין
היינט אז איך בין אליין, ביין פידיל ביין שכל ניטא
טוא וואסער קוראנט און טרייסטונג גיפין איך שוין דא
יארין לאנג וועל איך דיר יוסף בעדויערין

ביז צוא מיין קבר וועל איך נאך דיר טרויערן

(יעקב לייגט דיא קאפ אף אזייט, אלע זין און שניד לויפין צוא מינטערין אים, יצחק ציטערט פון שרעק און שרייט יעקב! יעקב! מיין קינד! בנימין קושט דיא האנד פון יעקב און וויינט יעמערליך)

ענדע דריטע סצענע

פירטע סצענע

(דיא וועג קיין בית לחם, פון ווייטין איז צוא זעהען איינינע שטיבלאך פון אפרת, אברייטע לאנגע מיט הויכע גראז, איינינע קעמלען ליגין אף דיא קניע און רוהען, דיא אראבער ליגין נעבין זייא און שלאפין, יוסף גייט ארום באָרפוס און שרעקליך פאר קימערט, הענד און פיס גישמיט אין קייטין, קוקט זיך ארום זא וויא ער זוכט וואס, און דער זעהט אבוים נועלבער אין אים איז אגרויסער שטיין ארין גיזעצט)

יוסף

מיין מוטערס קבר, דארף דא זיין אין דעם ארט
אויב נים בייא דעם בוים, מיר דוכט אז דארט,

(יוסף גינעהענט צום בוים און לייענט דיא מצבה),

מצבת

קבורת רחל אשת יעקב

דָא לִיגְט רָחֵל, אִיבֶּערַאלל אִיז בֶּעקַאנְט אִיר נָאמֶען
דִיא פְרוֹי פוּן יַעֲקֹב, דִיא מוּטֶער פוּן יוֹסֵף אוּנ בִּנְיָמִין
פִילֶע יָארִין פֶער גִיסְט זִיא טְרֶערִין
אַז גָאט זָאל אִיר מִיט אַקִינְד בֶּעשֶׁערִין
אוּנ וֶוען גָאט הָאט אִיר גִיבֶּעט גִיהֶערְט
הָאט זִיא נָאךְ אֵיין קִינְד פוּן גָאט בֶּעגֶערְט
אוּנ אַז גָאט גִיט אִיר, אִיר צְוֵוייטִין פֶערְלַאנְגֶע
אִיז זִיא דָא אוֹיף דֶעם וֶועג, צוּא קִינְד גִיגַאנְגֶען
דִיא וֵוייטָאגִין הָאבִּין אִיר זֵייעֶר גִיקְוֶועלְט
דַאן זֶעגִינְט זִיא זִיךְ, מִיט אִיר וֶועלְט
אִיךְ יַעֲקֹב פַאר גִים טְרֶערִין טֵייכִין
אוֹיף אִיר וֶועלְכֶע לָאזְט נִיט אִיבֶּער אִיר גְלֵייכִין
אוֹיךְ קֵיין טְרֶער, מִיר אֵייבִּיג פֶעלְט
בִּיז אִיךְ וֶועל אִיר זֶעהֶען אוֹיף דִיא אֶמֶתֶע וֶועלְט

(יוֹסֵף שְׁפַּארְט זִיךְ צוּם שְׁטֵיין)

יוסף

אוּנְטֶער דֶעם שְׁטֵיין, מוּטֶער! דֵיינֶע בֵּיינֶער לִיגִין
וֵויינִיג גִינִיסִין מִיר פוּן דִיר פֶערְגֶעניגִין
וֵויינִיג זֶעטִיגִין מִיר זִיךְ, מִיט דֵיין גִישְׁטַאלְט
אִין דֵיינֶע יוּנְגֶע יָארִין, בִּיזְטוּ שׁאן גִיוָוארִין אַלְט
וֵויינִיג הָאסְטוּ פוּן דֵיין וֶועלְט נַחַת גִיהַאט
מִיר הָאבִּין דֵיין פָּנִים נָאךְ נִיט אָן גִיקוּקְט זַאט

מיט דיין בלוט פון הארצין , האסטו מיר גיזויגן
אויף דיינע הענד , האסטו מיר גיוואויגן
אונ ביא דיא לעצטע מינוטין פון דיין לעבין
האסטו מיין השגחה , צום טאטין איבער גיגעבן
ער זאל פון מיר זיין השגחה ניט אראפ נעמען
מיר זאלין דיר אין קבר ניט פער שעמען
מיין פאטער האט מקיים גיוועזן דיין צואה
ער האט אונז גיזעטיגט , פון דיין השפעה
פון זיין זיידין אברהם , דיא רעכטע וועג
לערינט ער מיט מיר , נעכט מיט טעג
אלע מדות טובות , אין מיר צוא פער פלאנצין
דעם זיידינס ספר , גיט ער מיר איבער אין גאנצין
אין אזיידענע העמדיל , טוט ער מיר פירין
צום בעוויז אז נאך זיין טויט , זאל איך רעגירין
רחלס קינדער , זייגען אים ליבער
דיינע , שטייגין דיין שוועסטערס , אריבער
שטייא אויף טרייע מוטער , גיב אקוק אויף דיין קינד
ער איז שוין אקנעכט , אונ פירט קעמלאך איצונד
צוא קוילט , צוא בוילט , יעדערער אפליק ארים
אין קייטין גישמיט , הענד אונ פים
מי האט אים צוא גינומען , פון זיין טאטינס גיצעלט
מי האט אים פאר סחרת , פער האנדעלט פער געלט
מוטער טרייע ! נעם מיך צוא דיר אין קבר ארין
צוא וואס האסטו גידארפט , מרעיש עולמות זיין ?
צוא וואס האסטו גידארפט , וויינען קלאגין ?
צוא וואס האסטו קנאה , אף דיין שוועסטער גיטראגין

אַז גאָט זאָל דיר בענטשין מיט אַזון אַף יֶענֶר וועלט
אַף אַקנעכט צוא זיין? צוא ליידין היץ אונ קעלט?
צוא זאַט זיין מיט שלעק? אַף קעמלאַך צוא טרייבין?
אַף אייביג אין מצרים, אַקנעכט צוא פער בלייבין?
גייא אַרויף אין הימיל, פאָדער מיין רעכט
ברידער פער קויפין, אַברודער פאַר אַקנעכט!
דיא אויערין איז זייא פאַר שטאָפּט גיוואָרין
מיינע הייסע טרערין, שטילט זייא ניט דעם צאָרין
דאָס איז גאָטעס רצון, ער טוט עס פער לאַנגען?
זייא וואַרפט מיר אין אַגרוב, פיל עגדעשין אונ שלאַנגען?
מיינע ביינער זיינען שיר, גיוואָרין צוא שאָטין
וויא אַטאָפּ אַפין פייער, האָט זייער בעס גיזאָטין
מיא רופט מיך שוין ניט בן פורת, נאָר אַנדערע נעמען
מיא פירט מיך פערקויפין, איך וויים ניט צוא ווענען
ווער וועט מיין מילך טריקען, מיין וואָל שערין
ווא ווע׳לין מיינע ביינער, פער וואָגילט ווערין
אַפין שקלאַפין מאַרק, דאָרט וועל איך אַצייט ליגין
ביז זייא וועלין אַף מיר אַסוחר קריגין
איז דען יעקבס קינד, דער צוא בעשאַפין
צוא ליגין נאַקעטערהייד מיט אַלע שקלאַפין
מיט אַלע מורינען, נעגער, יעדערער אָכצעט
געבין זייא, אַף אַפּאָר שטרוי, ליגט יוסף אונ קרעכצעט
דיא אויגין פער גלאָצט צום הימיל, דיא מויל קיט ערד
מיא וועט אים טאַפין זיינע גלידער, וויא אַאָקס ווי אַפערד
אונ דער נאָך וועט מען אים מקריב זיין אַפין מזבח
גאָט וויים, צוא וואָס פאַר אַגזלן, אַרוצח

אַנשטאַט אַקערן, װעט ער דינגען, אַנשטאַט פֿערד װעט ער לײַדן
װען ניט, װעט מען זײַן לײַב אויף שטיקער װײס שנײַדן
אין פֿעלד װעט מען מיט אים, אַקערן, בראַנגען
דאָרטן װעט יוסף, זײַן טאַטן דער מאַנגען
דו האָסט שטענדיג גיצײלט, מײַנע װערטער די קלוגע
איצט בין איך שוין פֿער רעכנט פֿער משוגע
פֿיל איך שװײַג, איז נאָך רק צו קנאַפּ
פֿער יעדער װאָרט, בעקום איך אַקלאַפּ
באַרװעס, נאַקעט, פֿעראַכטעט פֿער האַסט
בײַ אַכזרים אין די הענד, גישפּאַנט אין לאַסט
אַט די איצטיגע װײַלע, בין איך אויך אין שרעק
באַלד טרײַבט מען מיך, פֿון דאַנען אַװעק
פֿער װאַגילט, פֿער װאָרפֿן, פֿון מײַן היים פֿער טריבן
בײַ װאָס איז הײַנט, מײַן פֿאָטער גיבליבן
װער איז זײַן נחמה צו זײַנע אַלטע יאָרן
אַז זײַן בן פּורת, איז אים פֿער לאָרן
ענטפֿער מיר מוטער! פֿון הימיל הויך
בין איך דען שוין אַיתום, פֿון טאַטן אויך?
דען ער האָט דאָך קײן כּח, צו דער האַלטן די לײַדן
בעװײַן איך שוין אַפּנים, איצטער אײַך בײדן?
װאָס טוסטו מײַן פֿאָטער! װאָס טוסטו איצונד?
צי דו קלאָגסט איצט אַף יוספֿן, אַף דײַן ליבסטע קינד?
אָדער דו האָסט שוין אָפּ גיגעבן גאָט דײַן נשמה?
און איצטער אין הימיל, פֿאָדערסטו נקמה?
פֿער דעם הימיל גירירט, טוסטו איצט שרײַען?
מאָנסטו אויף דײַן קינדס בלוט, װי הבל פֿון קין?

זיין טרייע עלטערין! טוא דאס ניט איצונד
זיא וועלין אליין בעקענען, זייער גרויסע זינד,
מיינע אלע חלומות, זיינען אין תהום אריין
זיא האבין מיר פער זיכערט, אהערשער צו זיין
צוא מיר וועלין זיך בוקין, דיא שטערין פון דיא הימלען
איך האב איצט ממשלה, אבער איבער קעמלען
איך האלט איצט אבייך, אבער איך בין קיין הער
דער בייך איז פער דיא קעמלען, פער מיר נאך מער
מוטער! דרום האסטו דיין שוועסטער גיוועזן מקנא
ווען נאט האט איר מיט קינדער גיוועזן מהנה
ווייל דוא האסט גיוואוסט בנבואה דעם אופן
אז אירע קינדער וועלין דיין קינד פער קויפין?
גיין טרייע מוטער! איך האב שוין קיין קראפט
איך בלייב דא ליגין, ביי דיין קבר פער שלאפט
דאס הארץ ווערט מיר שוואך, דאס בלוט ווערט אנטשטאנען
איינציגער גאט! נעם מיך שוין ניט צוא פון דאנען
איך שפיר שוין קיין לעבין, קיין גליד, קיין אבר
אה וויא זיס איז צוא שטארבין, נעבין דיין קבר
גישמאק איז דער טויט, ווען ער קומט אין נויט
נעבין דיר מוטער, בלייב איך טויט..........

(יוסף פאלט אין אונמאכט אפין קבר טויט, שטיל ווערט אויף דער סצענע, אין איינינע מינוטין ארום וואכט ער זיך זייער לאנגזאם אויף, עפינט די אויגין, קוקט זיך ארום, האלט זיך אן פאר דעם בוים, ביז ער שטעלט זיך אויף די פיס, אשרעקליכער זיפץ מיט אשוידערליכן קרעכץ גייט אים פון זיין הארץ ארויס,

רעט

רעט דיזע ווערטער מיט אגאנץ שוואכע שטימע

פירכטערליך איז דיין שטראף, גאט פון נקמה!
אבער נאך זיסער איז, דער נאך דיין נחמה,
שטראפסט מיט צארין, וועלטין ציטערין פאר דיין רוט
אבער דער נאך דיין טרייסט, וויא זיס וויא גוט
דיין רוט דיין כעס, מוז מען טראגין מיט גידולד
דען דוא האסט חלילה, אין שלעכטעס קיין שולד
ווען דוא ווייזט דיין ליב פנים, דיין פריינדליכע מינע
פער געסט מען שוין נקמה, קנאה אונ שנאה
וואול דעם מענשין, וועלכער צוא דיר האפט
זא אויך דאמאלס, ווען ער ווערט גישטראפט
ד׳ז׳ם גיט אים קרעפטין, צוא דער האלטין דיא לייד
ווען ער טרינקט זיך אין צרות, איז ער פול מיט פרייד
איך האב גיהערט אטרייסט, איצטער אין שלאף
״מיין מוטער שרייט צוא מיר, האף יוסף! האף!
״ניט דאס איז דיין ענדע, ניט דאס איז דיין סוף
״פער לייד מיט גידולד, זיין רוט, זיין שטראף
״דיינע האפענונגען אלע, וועסטו נאך זעהען קלאר
״דיינע טרוימען אלע, וועסטו נאך זעהען אפין וואר
״במעט אקעניגליכין צעפטער, וועסטו האלטין אין האנד
״וועסט יארין לאנג הערשין, אויף אגאנצע לאנד
״ביא דיינע ברידער, וועסטו זיין דער גביר
״דיין אלטער טאטע, וועט אויך קומען צוא דיר
״מיא פירט פאר אוים, דיא קאלב אליין
״דאן וועט שוין דיא מוטער ממילא נאך גיין
״גאטעס פירונג איז פון מענשין פער שטעלט

„גייסט קיין מִצְרַיִם , אָבֶער צוא שְׁפּייזֶען אַוועלְט
„שְׁפֶּעטֶער וועט דיר פְרֵייעֶן , דֵיין אֵיצְטִיגֶער בְּרָאךְ
„נָאר טְרָאג מִיט גִידוּלְד , זֵיין לָאסְט זֵיין יָאךְ„
אָט דיא טֵייעֶרֶע ווערְטֶער הָאבּ אִיךְ אֵיצְטֶער גִיהֶערְט
ווען אִיךְ בִּין גִילֶעגִין , אִין אוּנְמַאכְט אַף דֶער עֶרְד
וויא דֶער רֵיינֶער בּוֹימִיל , אוֹיף אַקְרַאנְקֶע הַארְץ
אִיז מִיר דיא ווערְטֶער , צוּא מֵיין פַּיין אוּנ שְׁמַארְץ
אֵיינְס קֶענֶען דָאס אַנְדֶערֶע , הָאסְטוּ נָאט גִיגֶעבִּין
ווען נִיט דֶער טוֹיט , וויא שְׁפִּירְט מֶען דֶעם לֶעבִּין
ווען נִיט דֶער אַסְטְרָאג , וויא שְׁפִּירְט מֶען חֵירוּת
ווען נִיט דֶער דַלוּת , וויא שְׁפִּירְט מֶען עֲשִׁירוּת
ווען נִיט הֶעסְלִיךְ , וויא שְׁפִּירְט מֶען פַּיין
ווען נִיט פִינְצְטֶער , וויא שְׁפִּירְט מֶען דיא שַׁיין
ווען נִיט שְׁקְלַאוועֶרַיי , וויא שְׁפִּירְט מֶען פְרַייא
ווען נִיט פַאלְשׁ , וויא שְׁפִּירְט מֶען טְרַייא
ווען נִיט נַאכְט , וויא שְׁפִּירְט מֶען דָאס לִיכְט
אֵיינְס קֶענֶען דיא צְווייטֶע , וועגְט דָאס גִיוויכְט
די זַאנְפְטֶע ווערְטֶער , וועלִין מִיךְ בַּגְלֵייטִין
אִין אַלֶע גִיפַארִין , אִין אַלֶע נוֹיטִין
דֵיינֶע רֵייד גִיט קְרֶעפְטִין , אִין אַלֶע גְלִידֶער
אִיךְ פַאר נֶעם שׁוֹין נְקָמָה , שִׂנְאָה אַף בְּרִידֶער
דֵיין טְרֵייסְט הֵיילְט , וויא בּוֹימִיל וויא פּוּטֶער
אוּנ פְרֵיד צוּא דֵיין נְשָׁמָה , מֵיין הֵיילִיגֶע מוּטֶער . . . . . .
(אוּנְטֶער דֶער צַייט וואס יוֹסֵף הָאט דָא גִירֶעט ,
נוּאכִין זִיךְ אוֹיף דיא אַרַאבֶּער אוּנ גִיפִינֶען יוֹסֵפִן
נִיט , אֵיינֶער דֶער זֶעהְט אִים פוּן ווייטִין , עֶר לוֹיפְט
מִיט

מיט אשטעקין צוא יוסף, אונ טרעפט אים ביא זיינע לעצטע ווערטער „מיין הייליגע מוטער" ער כאפט יוספן ביין קארק אונ שלאגט אים אונ־ערבארעמליך, יוסף שרייט, דער אראבער שלעפט אים צוא דיא קומפאניא)

דער אראבער

דיא לייט פון כנען, האבין אונז זייער בעטראגין
אז דיזער יונג האט נאר איין פעלער גיקראגין
ער האט דאך אין קאפ אגאנצען שום
זעהט נאר, וויא דיזער יונג איז דום
שטייט ביא אבוים, אן גישפארט אן אשטיין
אונ שרייט מוטער מוטער, מיט גרויס גיוויין

אלע

נוארט ברודער, מיר זיינען נאך ניט פטור
פארגין ועט ער נאך שרייען צוא אהאלץ פאטער
(אלע לאבין זיך פאנאנדער, דער פארהאנג פאלט)

ענדע ערשטער אקט

צווייטער אקט

(אין אײַאר ארום)

פינפטע סצענע

דער גארטין פון פוטיפר אין מצרים

(צאגארטין מיט גיפלאנצטע בוימער, יוסף בעגיסט דיא

דיא בייטין מיט וואסער, גייט גיקליידעט איינע שווארצע טוכענע שובע אויף זיין בלאע העמד, זיין מיץ ארום גיוויקילט מיט ארויטין שייל, אסנת זיצט ביא אבוים, אונ פלעכט אקרענציל בלומען, אפריילין אלט בערך אניאר 15, אקורצע זיידענע רויטע קלייד פר דעקט איר לייב, אין אירע צעפ זיינען קליינע גאלדענע גלעקלאך איין גיפלאכטין, אויף אירע אויערין היינגין גרויסע רינגען, אשווארצער טול פער דעקט איר גיזיכט, פון דיא לעדערנע פאדעסוועס ציט זיך שווארצע בענדלאך וועלכע וויקילט ארום אירע פים ביז דיא קניע, אויף איר האלז היינגט אקליינע דרייא קאנטינע בלעכיל, קענטינ אז עס ליגט וואכ אינעווייניג).

אסנת

געכטין זיינען געסט ביא אונז גיוועזן
איר גיפעלט זייא מיט דעם ערשטין מאל זעהען
וואו איר גיט אייך אקער, אבויג
לאזין זייא פון אייך ניסט אראפ דיא אויג
צייט מצרים שטייט, צייט זייא לעבין
שווערין זייא, האט נאך אזוי אקנעכט ניט גינעבין
זעלבסט אונטער פירשטין אונ גראפין
האט נאך אויך אזוי אשוינהייט ניט גיטראפין
דער פאטער האט אייך פאר זייא גילויבט
אז איר זייט ביא אים, אזו פיל בעגלויבט
אז דיא גאנצעווירטשאפט, גיט ער אייך איבער

מכירת יוסף

פון מיר זיין קינד , זייט איר אים ליבער
איר זייט קלוג , גישיקט , ארבייטזאם אונ טרייא
דאצו אבעל נאמנות , ערליך דער בייא
דען וואו טרעפט עס בייא שקלאווין אדער שקלאווינען
זייא זאלין זיין ערליך , אונ טרייא דינען
אונ צייט גאט האט אייך צוא אונז גישיקט
איז אונזער הויז , גיווארין בעגליקט
דיא הצלחה גייט אייך מיט איבעראלל
אין פעלד , אין הויז , אין קאפיטאל
דיא געסט האבין מיט אלער הייליקייט גישווארין
דאס איר מוזט ניט זיין אקנעכט פון גיבארין
איך וואלט מיך שעצין גליקליך ווען איר וואלט מיר זאגין
וואסער ווינד עס האט אייך אהער פאר טראגין

(יוסף לייגט אוועק דעם קרוג , נעמט אקליינע רידיל צוא פער גלייכין דיא ערד)

יוסף

איך האב ביז יעצט פער הוילין
מיין גישיכטע צוא דער צוילין
איך האב שון , יאר בייא אייך פער בראכט
אונ מיין גישיכטע פער קיינעם ניט גידאכט
יוער מיינע עלטערין זיינען , ווער איך אליין
דורך וואסער אורזאך , איך קום אהער צוא גיין
דען וואס מאכט עס דעם ווירט אוים
פון וואס פאר אפאמיליע , זיין קנעכט קומט ארוים
ער איז ווייניגער גיאכט , פון דיא אראבעשע פערד

ביא זיא האט דאך יחוס אויערט
יעדער פערד האט זיין יחוס בריף , זיין פעטשאט
וואס פאר אטאטין , וואס פאר אמאמען ער האט גיהאט
אונ אקנעכט אין מצרים , איז אייביג פאר שאלטין
זיין יחוס האט קיין מאל , אין מצרים ניט גיגאלטין
ווייא איז צוא מיר , וויי איז צוא מיינע יארין
אז מיין יחוס קומט מיר אפין זכרון
אז איך דער מאן מיך מיין טאטין מיין מאמען
מיין זיידין אויך מיין עלטער זיידין צוא זאמען
איך רוה ניט ביא טאג איך שלאף ניט ביא נאכט
אז איך נעם מיר מיין יחוס אין אכט
מיין אלטער טאטע, אז עס קומט מיר אפין זינען
מיין יונגע מאמע וועלכע מיר האט גיוואונען .....

(אסנת נעמט ארוים איר שנופ טוך אונ ווישט די אויגין ,
יוסף שפארט זיך אן אף אבוים אונ וויינט יעמערליך)

אסנת

אשאדין חלעבין אייער שיינע גיזיכט
זאל ווערין אין טרערין אין גיריכט

יוסף

אשאדין חלעבין אף רחלס טרערין
פון איר קינד , וואס קען היינט ווערין
אשאדין חלעבין , אף יעקבס קינד
וואס זיינע זיפצין , פאר טראגט דער ווינד
מיינע טרערין זעהען , דיא בוימער , דיא ביימין

דער ווינד העלפט מיר, מיט אקרעכץ בעגלייטעט
אייערע בלומען, וועלכע איר פלעכט
אין פייכטין גארטין, איז זיא ניט שלעכט
עם בליען דיא קנאספין, אין אלע קאלירין
דעם גאנצין גארטין, אוים צוא צירין
רייסט מען זיא אוים, וואס ווערט פון זיא ?
וועלקין, דארין, וויא טרוקענע שטרוי
אזוי ליג איך דא, פער וועלקטערהייד
צייט איך בין פון דער היים גישייד

אסנת

איך גלויב דאס אייך איז ביא אונז גאר ניט שלעכט
וואס אייך מאנגעלט אזוי, דער נאמען קנעכט

יוסף

מיין גאט לאזט מיר דאך ניט גיין פאר לארין
גיוויס איז מיר בעסער וויא פאר אייארין
בשעת דיא אראבער האבין מיר אהער גיבראכט
דא בין איך שוין פער פאלין, האב איך ביא זיך גיטראכט
בשעת מיא האט מיר צום פער קויפין גיהאלטין
אפין שקלאווין מארק, וועלכער איז פול מיט גוואלטין
ביז צוויא טויזינד שקלאפין, זיינען מיר אף דער ערד גילעגין
גישמיט אין קייטין, ארום חיל מיט דעגין
הוילע נאקעטע, וויא מיא פער קויפט פערד
אף עטליכע שטרוי, גיוועלגערט זיך אף דער ערד
דא ליגט אפרוי גיבונדין, פיר וואכין אקינדבעטארין
זיא ווייס ניט אפילו, וואס מיט איר קינד איז גיווארין

טיא

מִיא הָאט אִיר גִינַאנְבֶעט , פוּן אִיר הוֹיז בַּייא נַאכְט
אוּנ אַהֶער אִין מִצְרַיִם , פַאר אַשְׁקְלַאוִוין גִיבְּרַאכְט
זִיא קְרֶעכְצְעט אוּנ שְׁרַייט , מִיט אִירֶע כּוֹחוֹת דִיא שְׁוַואכֶע
נָאר דִיא צְוֵייא וֶוערְטֶער : גָאט ! ! רַאכֶע ! !
דָא שְׁרַייט אַגִיבּוּנְדֶענֶע מֵיידִיל , צוּא גָאט פוּן אוֹיבִּין
מִיא זָאל חָלִילָה , אִיר אֶרֶענְטְלִיכְקַייט נִיט בֶּערוֹיבִּין
אִין יֶענֶעם ווִינְקִיל מַארְק , אִיז ווִידֶער צוּא זֶעהֶען
לִיגְט אַגְרַייז אַלְטֶער , גִיפַאנְגֶען אִין קֶּלֶען
אוּנ שְׁרַייט מִיט קוֹלוֹת , אוֹי אִיךְ בִּין פַאר בַּייא
מִי ווִיל מִיךְ הַארְגֶענֶען , ווַייל אִיךְ טוֹיג נִיט צוּ שְׁקְלַאוֶועֶרַייא —
דָארְט פִירְט מֶען אַקִינְד , נָאךְ אַפִירְכְטֶערְלִיכֶע דַאמֶע
דָאס קִינְד שְׁרַייט מִיט קוֹלוֹת וואוּ אִיז מַיין מַאמֶע ! ! - -
אוּנ וָואס זָאגְט יוֹסֵף ? מַן הַסְתָּם בִּיזְטוּ גָאט גִירֶעכְט
רָחֵלְס צִיטֶערִינֶע קִינְד , אִיז אִין מִצְרַיִם אַקְנֶעכְט
אוּנ וֶועמֶען קִימֶערְט עֶס דֶער גַאנְצֶער גִישְׁרֵייא !
סוֹחֲרִים בֶּעקוּקִין דִיא שְׁקְלַאוִוין , ווִיא פֶערְד בֶּעקוּקְט מֶען זֵייא
פוּן פָארִינְט פוּן הִינְטִין
פוּן אוֹיבִּין פוּן אוּנְטִין
דִיא פְּלֵייצֶע דֶעם גוּף
פוּן אוּנְטִין בִּיז אַרוּף
דֶער טַאפְּט אִים דִיא זַייטִין
דֶער בֶּעטְרַאכְט אִים פוּן ווַייטִין
דֶער קְנֵייצְט אִים דִיא פִּיס , דֶער קְוֶועצְט אִים דֶעם קַארְק
דֶער פְּרוּבְט אִים , אוּנ הֵייסְט אִים , לוֹיפִין אַפִין מַארְק
נָאר מִיט גָאטֶעס הִילְפֶע , וֶוער אִיךְ פוּן זֵייא לוֹיז
אוּנ אֵייעֶר פָאטֶער בְּרֵיינְגְט מִיךְ צוּא זִיךְ אִין הוֹיז

אונ

אונ דא וואס פון טאג , ווער איך ליבער
ביז דיא גאנצע ווירטשאפט , גיט ער מיר איבער
פער שאפט זיך מיט אלעם , איך בין זיין האנט
אין קייזערליכין הויף , בין איך שוין אויך בעקאנט
נאר עס מאג מיר זיין , ווער ווייסט וויא גוט
בדינק איך נאך מיין טאטין , עס שטילט ניט מיין בלוט

(עס קומט אריין אין גארטין זליכה פוטיפרס פרוי , נאך איר עלוקה , האלט אין האנד אזאנען שירעם איבר דיא קאפ פון זליכה , זיא שטעלט זיך קעגין יוספן)

זליכה

וואס טוט איר איצט יוסף ?

יוסף

איך מאך צוא רעכט דעם בייט

זליכה

לייגט אנידער דיא רידיל , אנויילע שטייט !

זליכה צוא אסנת

אסנת! גייא מיין קינד דיא גיטארע בריינגען
יוסף וועט אונז עטוואס שפילען אונ זינגען

(אסנת נעמט מיט עלוקען , זיא גייען אוועק בריינגען דיא גיטארע)

זליכה

אח וויא שיין זייט איר יוסף , וויא אדעל וויא רייך

וִויא לִיבּ זַייט איר , וָוער אִיז צוּא אַייך גְלַייך
זָע אִיךְ פוּן אַייךְ , אַפְרַיינְדְלִיכֶע בְּלִיק
לֶעבּ אִיךְ שׁוֹין אָפּ , אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיין גְלִיק
וָוערְט איר פוּ־־יר וַוייט , אוֹיף צְוַויי מִינוּט גְרַייס
בְּלַייבּ אִיךְ וִויא שְׁטַ״יז , אִיךְ הַאלְט עֶס נִיט אוֹיס
וָואס זַייט אִיר אִיצְט , פַאר אַנְגְסְט פַאר אוּמֶערְט !
וָועלְכֶע זָארְגִין הָאט אַייךְ פֶער קִימֶערְט

יוסף

הָאט אִיר מִירי דֶען וָוען
פְרֵיילֶעכֶער גִיזֶעהֶען ?
אִין מַיין גִיזִיכְט , וָוען אֵיינֶער קוּקְט אַבַּיין
מִיא זֶעט יוֹסֵף , שְׁמֵייכִילְט לַאכְט
אִיז גָאר וִויא פוּן אַבְּלִיץ דִיא שַׁיין
אִין אַפִינְצְטֶערֶע דוּנֶער נַאכְט
נָאר אִיךְ שְׁטֶעל מִיךְ פָאר , אִין מַיין זָארְגִין
דִיא שֶׁענְסְטֶע בִּילְדֶער אִין פְרֵיידִין שַׁאל
וִויא דֶער שְׁלֶעפֶּעדִיגֶער , אִין פְרִי מָארְגִין
הָארְכְט דִיא שְׁטִים פוּן נַאכְטִיגַאל

(עֶס הֶערְט זִיךְ אַשְׁטִים רוּפְט זְלִיכָה׳ן ,
זְלִיכָה גַייט נִיךְ אַרוֹיס פוּן גָארְטִין)

יוסף (אַלַיין)

מִיר דוּכְט אִיר הַאנְפֶּעגֶען , אִיר לִיבִּין מִיךְ , אִיר לַאכִין
וָועט יךְ פוּן מִיר אַעֶנְדֶע מַאכִין

(ער הויבט אויף די אויגן צום הימל)

דיינע װערקע נאט וויא וואונדער וויא גרױס?
פון דעם בין מיט זיין גיפט, גיסטו, האניג ארויס
דעם זיסן עפיל, פון דיא בלאט װעלכע איז ביטער
און אזוי אטייער קינד, פון אשלעכטע מוטער
פון דיא פער פלוכטע זליכה, פול מיט פאלשקייט מיט זינד
פון איר װאקסט אויס אסנת, דיא ליבעס קינד
װאס דוא האסט גיװאלט נאט! האסטו שוין גימאכט פון זיי
דיא צווייא זאכין, פער לאנג איך האץ פון דיר
זיא מיך מציל פון זליכה'ן, דיא בייזע שלאנג
און גיב מיר איר קינד פער אפרוי, דאס איז מיין פערלאנג
איך װאלט איר גילערינט, דיין היילינין גלויבין
און בײדע צוא זאמען, װאלטין מיר דיר אייבינ לויבין

(אסנת קומט אריין מיט דיא גיטארע אין
האנד, דער לאנגט עם יוסף'ן)

אסנת

שפילט עטװאס יוסף!

(יוסף זיפצעט זיך אפ זייער)

אסנת

װאס מאנגילט אייך אזוי דער נאמען קנעכט
איך גלויב דאס אייך איז בייא אונז גאר ניט אזוי שלעכט
יוסף

(יוסף נעמט דיא גיטארע אין האנד שפילט אונ זינגט)

1.

ניט מיינט דאס איך בין אויסין זינגע
ניט מיינט דאס איך וויים ניט וואס איך וויל
ווען מיר זאל דער גרעסטער גליק גיפינגע
קען דאך מיין הארץ ניט בלייבין שטיל

2.

דער צווייג וואס איז פון בוים גיריסין
וואסער גליק קען אים שוין קומען
ער קען שוין קיין פריידע ניט גיניסין
זא אויך ווען ער ליגט צוא וויסין בלומען

3.

דער שנייא וואס פאלט אראפ פון אויבין
צוריק קען ער זיך ניט אום קערין
מען זאל זיין פראכט אונ קלארהייט לויבין
דאך צוא שמעלצט ער זיך אין טרערין

4.

דער לייב דער שטארקסטער פון די טהירין
אין דיא לאנד וואו ער איז ניט גיבארין
זיין מוט קען דארט ניט עקסעסטירין
זיין קראפט אונ מאכט האט ער פערלארין

5.

דער נאכטיגאל וועלכער טוט פער רייזין
זיין שיקזאל האט אים גיהייסין גיין
זיין גיזאנג קען ער דארט ניט ווייזין
זיין ליד איז נאר זיין זיפצן אליין

6.

גירוסין בין איך גיווארין פון מיין בוים
פון מיין הימיל גיפאלין וויא דער שניי
דער לייב ליגט אין אפרעמדין רוים
דער נאכטיגאל ווייט פון נעסט אוי וויי !

אסנת

גינוג שוין יוסף טרערין צוא גיסין
דאס הערץ ווערט מיר אוים גירוסין
ווער קען עס אוים האלטין , ווער קען עס פער טראגין
אייערע הייסע טרערין , וויינען און קלאגין
דאס רירט דאך אויף , אין פעלד אשטיין
בפרט אזוי איונגע מיידיל , וויא איך אליין
איך בעשווער אייך יוסף , מיט אלער היילינקייט
צוא דער ציילין מיר , דעם שיקזאל פון אייער צייט
וואסער שטורעם , עס האט אייך אהער פער טראגין
ווער אייערע עלטערין זיינען , זאלט איר מיר זאגין

(יוסף בעגיסט זיינע אויגין . בעדיינקט זיך אקליין ווייל)

יוסף

איך וועל אייך מיין גישיכטע, דער ציילין מיט שרעקין
נאר איר זאלט עס, פער קיינעם ניט ענטדעקין ·

(עלוקה קומט אריין אין גארטין גייט צו יוספן)

עלוקה

דיא ווירטין רופט אייך

(צוא אסנת)

אונ דוא קום אויך גלייך

(זייא גייען אלע ארויס)

ענדע פינפטע סצענע

זעקסטע סצענע

דער גאבינעט פון זליכה'ן

(אויף דעם וואנט הייננט אגאלדענער טאץ אגרויסער, אזאפע, דער בייא אטישיל, בייא איין זייט צימער שטייט דיא געטין עשתרת פון שטיין גיהאקט, אויף אמארמאר שטיינענעם פודאמענט, זעט אוים וויא אפרוי מיט פיל בריסט אויף איר הארצין, פון שטערין גייען אירע הערנער ארוים, אין איין האנד האלט זיא אקרוג, אין דיא צווייטע האנד אקלינג בלעך מיט אשטעקיל צום קלינגען, אנטקעגין דעם גאלדענעם טאץ שפיגילט זיך זליכה, אפרוי אלט בערך אזאר דרייסיג, אין

אבלאה

אַפְּלָאה זַיידֶענֶע קְלֵייד , זיא נֶעמְט פון טישיל אַפְּלֶעסִיל
רוֹזֶען וַואסֶער אונ וַואשְׁט אַרוּם איר גִיזִיכְט
רויכֶערְט אוים אַקְלֵיין שְׁטִיקִיל אַלָאעֶן הָאלְץ , קוּקְט
זיך ווידֶער אַיין אִין גָאלְדֶענֶעם טַאץ , פֶער רִיכְט
דֶעם טואַלֶעט , שְׁמֵייכִילְט זיך מִיט אַפַאנְטַאזִי)

זליכה

חָלֶעבִּין , זְלִיכָה אִיז נָאךְ שֵׁיין , נָאךְ גָאר אַיוּנְגֶע פְרֵיילִין
וֶוער הֵייסְט עֶס זְלִיכָהן , אִירֶע יָארִין צֵיילִין !
דָאס גִיזִיכְט אִיז שֵׁיין , קְרֶעפְּטִיג אוּמֶעטוּם
דִיא בַּאקִין רוֹיט , דִיא לִיפִּין וִויא אַבְּלוּם
דִיא טַאלְיֶע , דֶער פַאשָׁאן , וִויא מֶעסִיג וִויא גְלַייךְ
דֶער וואוּקְס וִויא אַבּוֹים , אָח וִויא בַּייךְ
דֶער פָּנִים קְלָאר , דִיא אוֹיגִין גְלַאנְצִין
אוּנ צוּא וֶועמֶען גִיהֶערְט זיא אִין גַאנְצִין ?
מִיט וֶועמֶען זִיא אִיז גִיגֵייט צוּ לֶעבִּין ?
וֶועמֶען מוּז זיא אִיר לִיבֶּע גֶעבִּין ?
מִיט אַיין אַלְטִין מַאן , אָן פְלֵייש , אָן בֵּיינֶער
אַפִּין קָאפּ קֵיין הָאר , אִין מוֹיל קֵיין צֵיינֶער
דִיא הוֹיט הֵיינְגְט , קְנֵייצֶען אַפִּין שְׁטֶערִין
דִיא לִיפִּין נֶעצְט , דִיא אוֹיגִין טְרֶערִין
דָא גִיט עֶר אַהוּסְט , בְּרֶעכְט עֶר מוֹיעֶרִין
דָא גִיט עֶר אַגֶענֶעץ , פֶער טוּיבְּט עֶר דִיא אוֹיעֶרִין
עֶטְוַואס צוּא הֵיים , אִיז אִים שׁוֹין אַחֲרוֹן
עֶטְוואס אַוֵוינְד , וֶוערְט עֶר פֶער פְרָארִין
אוּנ אַזֶעלְכֶען ווילְט זיך , מִיר פַאר אַפְּרוֹיא

אזוי איזגענד וויא איך, איז דאס גוט אזוי ?
אונד ער איז דער הערשער, ער איז דער הער
ער היט מיינע טריט, וואו איך גיה זיך אקער
שלעכט, אפארקערטע וועלט!
תלעבין נאר אן אשכל גישטעלט
אויבין דיא פיס, אונטין דיא קאפ
דיא ערד ארויף, דיא הימל אראפ
דיא העסליכע מענער
דיא דארע שפענער
מיט דיא פערוואקסענע בערד
וויא דער עק פון א פערד
שאלטין, וואלטין
דעם בייך צו האלטין
אונד דיא פרויען דיא שיינע
דיא הערליכע דיא ריינע
דיא צארטע דיא איידעלע
פון נאטור דיא שענסטע זארטין
וויא דער שיינער מעדעלע
וויא דיא בלומען אין גארטין
זאלין זיא זיין גיצוואונגען
צוא דיא העסליכע יונגען
זיא מאגין נעמען, וויא פיל פרויען זיא געפעלט
אונז, איז דער פערגעניגען פער שטעלט
אליין צוא גיין, האבין זיא מורא צוא טרויען
אין הארעם פער שפארט מען, דיא עלענדע פרויען
מיט מול מוז מען גיין, דאס גיזיכט פער שטעלט

מען טאר נאך ניט אן קוקין, דיא ליכטיגע וועלט
זעלבסט ביין קעניג אין הויף איז אויך ניט בעסער
פער שפארין דיא פרויען, אונטער טויזענד שלעסער
דיא אלע דינער וואס ווערט צוא זייא געבראכט
האט מען זייא פריער, פער אונמאנזבילדין גימאכט
עס איז זייא פער ווערט מיט אפרעמדין אווארט צו ריידין
ווען ניט איז זיא גרייט, צוא גיברענטע ליידין
אה! איר מיידלאך פון מצרים, אייער שיקזאל וויא ביטער!
בעקומט איר נאר אמאן, האט איר שוין אהיטער
אייערע פאטערס צאלט מען צוא, אייך קויפט מען אפ
מי פער קויפט אייך וויא שקלאווינען, מי צאלט פון קאפ
איר האט אפילו קיין דעה ניט, צוא זעהען פאר אוים דעם חתן
נאר דאמאלס, ווען איר זייט שוין אין הארעם פער שלאסין
וויא חיות אין דיא גראטעס, בעהאנדילט מען זייא
אט אפערשאלטענע גישלעכט, אז אח אונ אז וויא!

(זיא נעמט איינע וויים פלאקסענעס ליילאך אונ דעקט
אריבער דיא געטין)

זליכה

עס פאסט ניט גאט זאל הערין דיא רייד
ליבערסט, פער דעק איך אים מיט אקלייד

(זיא גייט ארום איבערין שטוב מיט פאנטאזי)
אבער גיין, אונ דווקא גיין,
יא איז ניט גישווארין צוא אים אליין
חלעבין דיא הערין פער גרייזן

זייא מעגין איר פער שפארין אין אייזין
הענד אונ פים שמידין אין קייטין
דעם גייסט אבער קען מען ניט גייטין
וואס זיא וועט פער לאנגען
וועט זיא שוין דער לאנגען
זיא וועט שוין קריגין
אירע פערגעניגין
אירע הערין
וועלכע זיא איז געריין
איר מאגט אייך אין שטייגיל
פער שפארין דיא פייגיל
ליבט איר
גלעט איר
גיט איר זיסע זאכין
זינגט איר
פייפט איר
זיא וועט אייך אויס לאכין
נאר אווייליע דיא טירעלע אפין
אהא דיא פייגעלע איז שוין אנטלאפין

(פון איר פאנטאזי לויפט זיא אליין צוא צום טיר, פלוצלונג קומט אן פוטיפר, אמאן בערך איאר 60, אין אלאנגין בלאען מאנטיל מיט אברייטין גרינעם גארטיל, וואס אין אים שטעקט אגרויסער קינדזאל, אפין קאפ אגרינעם טורבאן, ער וויל פרעגין זליכהן וואו זיא לויפט, נאר ער הוסט זיך שטארק פער
נאנדער

נאנדער אוהו אוהו אוהו ! וויא עס לאזט אים
עטוואס אב , פרעגט ער זליכהן מיט דאנקט)

פוטיפר

וואו לויפסטו ?

(זליכה ווערט ערשטוינט פון איר פאנטאזיע
זיא בלייבט שטיין אקליין וויילע שטיל
זוכט ווערטער צוא אנטווארטען אים)

זליכה

איך בין . . . . . גאר ניכט . . . . . . ע ע . . . ניט געזונד
גלאט אזוי . . . איך ווייס ? . . עפעס . . . דיא קאפ רונד
איך האב קיין אפעטיט , . . . קיין קראפט קיין מאכט
ע . . . . פעס גאר ניט געזונד , ניט פאר דיר גיזאכט

פוטיפר

גייא דיר צום גילוס , דארט איז פרייא דער וועטער
נעם מיט , עליקהן . . . אוהו . , , קום אוויילע שפעטער
היינט ווארפט מען פיער מענשין , פער קרוקעדיליין
קענסט אויך גיין זעהען . . . אוהו , אויב דוא וועסט וועלין

(פוטיפר הוסט שטארק אוהו אוהו אוהו)

זליכה

(שטילער הייט)

מיא האט מיר שוין גיווארפין פער אקרוקודיל
ער זעטיגט זיך גינוג , מיט מיין פלייש און פעל

מכירת יוסף

(פוטיפאר טוט זיך אן פאראדנע קליידער,
זליכה קוקט אף אים מיט האס)

פוטיפר

קום אונטער שפעטער, וועסט קוקן פון ווייטן
איך מוז יעצט, צום פאראד רייטן

(ער גייט ארויס פון טיר)

זליכה

(אלס פוטיפר איז ארויס פון שטוב)

גיין דווא העסליכער טיפאן, איך בין ניט דיין
דווא הערשט אף מיין קערפער, דאס הארץ איז מיין
מיין לייב איז פערקויפט, אבער ניט מיין גיפיל
מיין גייסט איז פרייער, איך ליב וועמען איך וויל
דער טויט מיט זיין לעבין, שטייט דא מיר פאר
פוטיפר מיט יוסףן, ניט צוגלייכע פאר ? !
אדינערין בייא דיר יוסף, און צוא זעהען דיין שיין
איידער בייא דעם פוטיפר, צו ווירטין צוא זיין
ווער עס זאגט דווא ביזט אקנעכט, דער איז אנאר
חא חא יוסף אקנעכט און פוטיפר אהאר
גיין דער וואס איז שיין, דער איז דער הער
און הארבאקעטער דער צוא, וואס דארף מען מער
אה! דווא שיינער יוסף! דווא איינגיל פון גאט!
ביזט גיפעהרליך, ווער נאר אליבעס געפיל האט
ניט פירבעט, אכור, גיין גיין!
דיא געטין פון שיינהייט ביזט יוסף אליין

(זיא נעמט אראפ אהארף , זעצט זיך אפין זאפע ,
קלינגט אן מיט דעם גלעקיל , עזובה לויפט אריין)

עזובה

וואס ווינשט איר מאדאם ?

זליכה

רופ מיר פון גארטין יוספן אהער

(עזובה לויפט ארויס , זליכה שפילט אונ זינגט)

1.

אח מיין הארץ , מיין הארץ ציט צוא דיר
דער פייער פון יוסף , ברענט אן אשיר
דיין טאליע , דיין מינע , דיין גאנצער פאשאן
פער גיפטעט דיא הארץ , וועלכע דיר קאן

2.

דיין ליבליכע אויג , דיין בליק וואס איז טרייא
ברענט אין מיין הארצין , איך בין נאר פער בייא
דיין שטעל מיטין פוס , דיין קער דיין ריר
דיא געטין פון שוינהייט , איך ליב זייער דיר

3.

גאט ! גיב יעדערין נאך זיין פערלאנג
דעם רייכטהום , צירונג , דעם אשיינעם גאנג
מיר גיב אקליין שטיביל , אויף דעם גראז דעם גרינען
גאר איך מיט מיין וואונש , זאלין וואוינען דערינען

איך

4.

איך וואלט מיר גאנץ פלייסיג , ארבייטין מיין פעלד
זייען שניידין , אלעס הער , אלעס העלד
נאר דיזע טרייסט , איז מיר שוין קיין זאך ניט שווער
דאס איך בין דיא פרוי , אונ יוסף מיין הער

5.

נאר צו וויסין אונז ביידין , גייט אשרעקליכער טייך
דיא שטראמען , דיא וואהלין , פליסין זיך גלייך
דוא צו נעמסט מיך פון ווייטין , איך קען צו דיר ניט קומען
איך וואלט גערין אריבער , איך קען אבער ניט שווימען

6.

אח דוא וואסער ! טריקין דיך איין
וואלט איך צוא אים אריבער , דארטין צוא זיין
דער נאך זאל דער שטראם , נאך שטארקער דיר טראגין
דאן וואלט דארט קיינער , מיין ווונש ניט צוא שלאגין

7.

וויא איך טוה נאר אדרעמיל , קומסטו מיר גלייך פאר
דא שטייסטו , דא לויפסטו , איך זע דיר ניסט קלאר
אנטלויף ניט זיסער טרוים , האלט אווילע האלט
לאז מיר זיך זעטיגין , מיט יוספס גישטאלט

8.

אויף וועמען איך קוק , דיר האלט איך אין זינען
דא

דיא אויף דער ערד, קען איך דיין גלייכן ניט געפינען
מער ניט אין הימל, אין דיא זון ביזטו אויך
איך קען אבער ניט גרייכן, עס איז זייער הויך

(עס קומט אריין יוסף, זליכה לייגט
אוועק דעם הארף אפן טישל)

יוסף

וואס ווינשט איר מאדאם?

זליכה

וואס איך ווינש, וואס איך פערלאנג פון דיר
דיין געזיכט צו זעהען, און גענוג פער מיר

(יוסף לאזט אראפ דיא אויגן צו דער ערד)

זליכה

אוועלט מיט שקר, ניטא היינט קיין רעכט
פוטיפר אהאר, און יוסף אקנעכט!
איך וואלט צוואנציג פוטיפרס, פון הארצען פער זאגין
נאר דוא זאלסט מיר דעם ווארט «יא» זאגין

(יוסף אנטווארטעט איר אויף דעם
נאר ער בעטראכט דעם גאט
עשתורת וויא ער איז פער דעקט)

יוסף

וואס איז דען דיא געטער אפ גיגאנגען
אז איר האט זיא מיט אליילאך פער האנגען?

זליכה

ווייל דאס שטייט פער זיא ניט אן
זיא זאלין זעהען, וואס מיר וועלין דא טאן

יוסף

אט אזעלכע געטער איז גוט, פאר מצרים קען עס טויגן
מיא וויל מאן וואס ניט רעכט, פער שטעלט מען זיא די אויגן
וואס זאל איך אבער, מיט מיין גאט טאן
וואס ביא אים גייט, אזעלכע קונצין גיט אן
קיין פער בארגענהייט, איז פון מיין גאט פערשטעלט
זיין היילגע אויג, קוקט אויף דער גאנצער וועלט
ער זעט גאנץ ריכטיג
סיי פינצטער סיי ליכטיג
דיא אויג שפירט, דיא אויג זעט
יעדע זינדע, יעדער חטא
דרום גינוג שוין מאדאם, פון דעם צוא ריידין
וועט זיכער גלייכער זיין, פער אונז ביידין
וויא קען איך אלס דינער, זא אונטרייא זיין
מיין הער גיט מיר איבער, אלס אין האנד אריין
זיין גאנצע ווירטשאפט, האט ער מיר גיטרויט
ער ווייס פון קיין זאך, אויסער זיין ברויט
זאל איך חלילה זיין, אונטרייא אזוי
דאס איך זאל נאך פערלאנגען זיין פרוי?
גיווארפט אוועק מאדאם, דעם דוזיגען גידאנק
אייער אומזיסטע מיה, טוט מיר גאר באנק

זליכה (מיט צארין)

אונ ווען איך וועל דיר לאזין אין קייטין שמידין
וועסטו דאמאלס בעסער זיין צוא פרידין?

יוסף

(יוסף קערט זיך אום צום טיר צום אוועק גיין)

יוסף

דער גאט וואס האט מציל געוועזן פון פייער מיין זיידין
דער וועט מיך מציל זיין, פון אלע ליידין

(יוסף עפינט דיא טיר, ער גייט
ארוים, זליכה רופט אים, יוסף! יוסף!

זיבענטעשצענע

פוטיפר'ס שפאציר גארטין אקארסט באגינגען
אנגארטין גיפלאנצט אלערליא בוימער, אין מיטין
אגראבין פון וואסער וועלכע אלע בוימער טרינקען
פון אים, פון דיא זייטין שטייען אלע געטער פון
מצרים, דער גאט בעל צפון וויא א שלאנג,
אמון וויא אבאראן מיט הערנער, זוגען גיהאקט פון
שטיינער, בילדער פון פייגלאך, בילדער פון חיות
וועלכע דיא אלע גילטין פער געטער, כתום, חנם,
סוא, און, פי־בסת, אונ עשתרות אין מיטין, יוסף
שטייט ביין סאזילקע, זיין גיטארע אין האנד),

יוסף

איר שטערין אין הימיל! איידער איר פער גייט
איידער דיא זון איר ליכט פער שפרייט

בעט איך אייך שטערין ! נאך אוויילע שטייט
ענדעקט מיר איצט , דעם סוד שטילער הייט
איר האט דאך מיר צו גיזאגט צו מיר זיך צו קני'ען
אה ! אזאר וויל שוין באלד, אין זיין עוויקייט פלי'ען
אונ איך בין נאך אשקלאוו , אאייבינער קנעכט ?
אפנים דיא טרוימען ווייזין ניט עכט ,
אונ פילייכט דינגט מיר דיא הויז פער אלייטער
צוא לייטערין מיר ריין , צו זיין ריין אף ווייטער ?
אונ כדי איך זאל מער זיין , גיבויגין גיקנייצט
האט גאט אף מיר דיא זליכה'ן אן גירייצט ?
אה ! פון דער גאנצער וועלט דיא קייטין
וועלין מיך אויך דאצוא ניט נייטין
זיא איז פאלש דעם מאן , וועל איך טאן איר ווילין ?
ניין , אום זאנסט נעבאך , וואס זיא וויל זיך מיט דיא רייד קילין
אסנת ! וויא ווייט ביזטו דאס פון דיין מוטער
איר הארץ איז אגיפטיגער שלאנג , דיינע איז ווייך וויא פוטער
וויא גוט ביזטו , דיין גיזיכט וויא רייך
צוא מיין מוטער רחל , ביזטו אסנת גלייך
דרום ליב איך דיר נאך מער
אבער איך טאר ניסט— אקנעכט בין איך—ניט קיין הער ....
איר שטערין ! אז איך האב אייך יע אין טרוים גיקוקט
אונ אייערע עלף , האבין זיך צוא מיר גיבוקט
וואלט איך אייך מוחל זיין ממשלה , אף מיין גאנצין לעבין
נאר איר זאלט מיר קענן , אסנת'ן געבין ,
אבער איר ווייזט מיר וואס אנדערש איצונד
איר ווייזט מיר מיין טאטין , וויא ער וויינט נאך זיין קינד
איר

איר טומעלט דיא גידאנקען , איר קערט מיר מיין מוח
איר ווייזט מיר מיין טאטין , אשוואכין און פנה
וויינט אונ שרייט , מיט בלוטיגע טרערין
"מיין קינד מיין קינד" ער וויל גאר ניט אויף הערין
ער זוכט רק יוספן , אונ קען אים ניט גיפינען
אונ מיר ליגט גאר , נארעשקייט אין זינען

(יוסף זעצט זיך אנידער ביא דער
סאזילקע אונ זינגט מיט טרערין)

1.

דינה דוא שוועסטער גיטרייע
טרייסט דעם טאטין פון זיין לייד
זייא דעם טרויקענעם בוים מחיה
מיט דיינע פייכטע זיסע רייד

2.

פון כנען , אונ פון איר גיטומיל
פון מיינע פריינד,פון אלע גוטע מענשין
ווייט פון זייא וויא פון הויכען הימיל
וויא פון די שטערין וואס דארט גלענצין

3.

מיין לבנה לייכט דארט מיט אירע שטערין
מיין זון שיינט דארט אין איר פראכט
אונ איינזאם דא , פער גיס איך טרערין
איינזאם קלאג איך , טאג אונ נאכט

4.

ווייט בין איך פון אַלע ראַמֵהִין
ווייט פון לאַנד דיא קינדער עבֶר
ווייט בין איך פון אַלטין טאַטין
ווייט פון מיין מוטערס קבֶר

5.

שקלאַווין דינסט גיט מען מיך צו אַרבין
קלאַגט ווער יוסֵפן קאָן פון פריר
וואו זיינען אין פעלד דיא אַלע גאַרבין
וועלכע שטייען אויף פער מיר

6.

וואו זיינען אין הימיל דיא עלף שטערין
וועלכע אַלע צוא מיר זיך בויגין
פאַטער איך זע איצט דיינע טרערין
פליסין דיר וויא טייכין פון דיא אויגין

7.

אונ פילייכט האָט איר מיר ניט אין זינען
פילייכט האָט איר מיר גאַנץ פער געסין
נאָר איך לאָז אייביג טרערין רינען
דעם דורסט נאָך אייך, קען איך ניט לעסין

8.

קיין פער דרוס האָב איך צו אייך דער ביי פער

איך

אִיךְ בֶּעט נָאט, אִיר זָאלְט מִיר נִיט גִידֵיינְקֶען
פֶּער קֶערְט, מִיר אִיז דָאס נָאךְ לִיבֶּער
פֶּער וָואס זָאל אַיךְ דָאס הַארְץ נָאךְ קְרֵיינְקֶען

(יוֹסֵף ווִיסְט אָפּ זַיין גִיזִיכְט פוּן טְרֶערִין, עֶר שְׁטֵייט
אוֹיף אוּנ גֵייט אַוֶועק, זְלִיכָה קוּמְט אָן פוּן דֶעם
צְוֵייטְין זַייט, זוּכט יוֹסֵפֶן אוּנ גִיפִינְט אִים נִיט)

זליכה

עֶר הָאט מִיר גִיזֶעהֶען גֵיין, אִיז עֶר אַוֶועק
ווִיא עֶר מַייט דָאס מִיר אוֹים! אַשְׁרֶעק אַשְׁרֶעק!
אַיָאר נָאךְ אַנַאנְד, אַז אִיךְ מַאטֶער זִיךְ אַזוֹי
אִיךְ עֶלֶינְדֶע, אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פְרוֹיא
אִיךְ הָאבּ אִים גִימַאכְט גְרֶעסֶער, פוּן אַלֶע מַיינֶע שְׁקְלַאפִּ"ן
אוֹיף מַיין גַאנְצֶע ווִירְטְשַׁאפְט, גִיבּ אִיךְ אִים צוּא שַׁאפִין
אוּנ וָואס מֶער אִיךְ לִיבּ אִים, אִיז עֶר רַק גִישֵׁייטֶער
וָואס מֶער אִיךְ יָאג אִים, אַנְטְלוֹיפְט עֶר רַק ווַייטֶער
פִיל מָאל הָאבּ אִיךְ מִיר, צוּם נַארִין גִימַאכְט
וֶוען זֶעט עֶס אַשְׁקְלַאוו, ווִיא דִיא ווִירְטִין צוּא אִים לַאכְט?
עֶר אִיז ווִיא אַייזִין, זַיין הַארְץ ווִיא שְׁטֵיין
אָה! עֶר שְׁטֶעכְט מִיר ווִיא מִיט שְׁפִּיזִין, מִיט זַיין וָוארְט "נֵיין"
אַיוּנְגֶער מֶענְשׁ פוּן אַכְצִין יָאר
זָאל נִיט שְׁפִּירִין קַיין לִיבֶּע, נָאךְ נִיט אַף אַהָאר
ווַארְט, ווַארְט, דוּא פֶּער פְלוּכְטֶער קְנֶעכְט
וֶועל אִיךְ זוּכִין נְקָמָה, אִיז מִיט דִיר זֵייעֶר שְׁלֶעכְט
וֶוען אִיךְ וֶועל בֵּייטִין, לִיבֶּע אַף רַאכֶע

וועסטו

וועסטו ניט אויס האלטין, מיט דיינע קרעפטין דיא שוואכע
ווען איך זאל מיט דיר גלייך אונגליק זיין
מוזטו דורך מיר, אין טורמע אריין
(זליכה גייט אוועק מיט צארין, אסנת גייט אריין
אין גארטין פער בייא דיא געטער, קוקט זיך אום
אויב קיינער הערט ניט וואס זיא וויל דא ריידין)

אסנת

אך איר געטער! וואס זייט איר פון מיר ווייט
איר זעט ניט איך האב אין הארצין אשטרייט?
אין מיר ברענט אפייער, איך קען עס ניט לעבין
דאס וועט מיך פער ברענען, אין גאנצען אויף עבין
איך ליב אזעלכין, וואס קען מיך ניט ליבין
דען ער איז אין בוך פון די שקלאפין פער גשריבין
וויא דער געץ פאנגט, פיש פון ניהל
אזוי פאנגט זיין גיזיכט, הערצער מיט גיפיהל
אבער אוואנד פער שטעלט, דאס איז מיר שלעכט
איך בין פוטיפר'ס טאכטער, און ער איז אקנעכט
וואלט איך זיין אשקלאווין, גיקויפט וויא ער פער געלט
וואלט איך דאס גינומען, וואס איך וואלט גיוועלט
אבער זאל איך אים יעצט ליבין, איז אזינד און אשאנד
קענין מיין פאטערס פאמיליע, קעגין די גיזעץ פון לאנד
איך בעט אייך געטער! זעט עס איבער צוא שרייבין
צוא וועמען דען, זאל איך צוא הילפע לויפין?
און וואס בעדייטעט דער טרוים, פון היינטיגע נאכט?

צו ווייל איך האב עס , ביא טאג גיטראכט

אדער פילייכט ווייזט מען מיר , פון הימיל פון אויבין

אונ איך קען אין זייא האפין , זיכער צוא גלויבין ......

(אסנת בלייבט שטיל , דען זיא הערט טריט פון

מענשין, יוסף קומט אן , ער גיפינט איר זייער אונמוטהיג)

יוסף

וואס שטייט איר פריילין אזוי פאר קלערט , פער טראכט

אסנת

מיך מרוימט אטרוים היינטיגע נאכט

מיט פיל פרויען צו זאמען, דוכט מיר איך שטיי

אין אגרויסין זוואריגעץ , פון חיות אלערלייא

לעמפערטין , בערין , היינעס , לייבין

עלפאנדין גרויסע , מיטין ריסיל אויף גיהייבין

וועלף , טיגערין , קרוקאדילין , שלאנגען

די מיילער גישלאסין , מיט אייזערנע צוואנגען

אין בעזונדערע קאסטינס , מיט אייזערנע גראטין

וואס זייא ליגין פער שפארט, דאס וואלט ניט שאטין

גאר דאס איינע האט מיך פער דראסין , אוי וויגד !

וואס מי האט דעם לייב גישטעלט , צוא זאמען מיט דיא הינד

פלוצלונג זעצט דער לייב , דיא גראטע אויס

אונ צפין פרייען פלאץ , שפרינגט ער ארויס

אלע דאמען זיינען פער ציטערט גיוואורין

אשפאם אלייב לויפט פרייא מיט צארין

דיא

דיא באמען אלע צוא לויפען, אין אלע שוין
אונ דער לייב גייט צו צו מיר, נעמט מיר לעקין אונ שמ[illegible]ן
קושט מיר דיא פיס, אונ האט מיר צף זיך אויף געהויבן
אונ אנטלאפען מיט מיר, אין שטייג פון דיא לייבן .....

יוסף

אסנת! מיט אייער טרוים, האט איר מיר געמאכט
אז עס דוכט מיר, איך טרוים דאס איצט, וויא ביא נאכט
אונ אין שטעל מיך איצט פאר, ווי די געשיכטע איז געשעהען
אונ ווינש מיר: הלוואי וואלט איך אליין דער לייב געוועזען
אונ יעצט פרעג איך דעם בדייטונג ביא אייך
אונ איר ווידער קענט עס מיר ניט פותר זיין גלייך?......

(אסנת לאזט דיא אויגען אראונטער)

אסנת

איך פער שטייא אז איר זייט פון אדעל געבארען
אונ יעצט זייט איר אידיגער געווארען
נאר איך בעט אייך יוסף, דער ציילט ניט זאגט
ווער איר זייט, פון וואנען איר שטאמט

(יוסף בעדיינקט זיך אקליין ווילע)

יוסף

פון אברהם העברי, האט איר געוויס געהערט
וואס האט זיין אמונה, פאר אלעמען ערקלערט?

אסנת

אה! אין יעדער שטאט, אין יעדער לאנד

איז דער נאמען אברהם העברי בעקאנט
עס איז שוין ביינאהע הונדערט יאר אז ער איז טויט
דאך דער מאנען אים מענשען ענציקטער הייט
נאר וואס געהערט ער אן, מיט אייך?
בין איך עס גערן, צוא וויסן גלייך

יוסף

דיא געהיימניסע זאג איך אייך אויס
אז פון אברהמס פאמיליע, קום איך ארויס
מיין פאטער איז אאייניקיל, פון אברהמען אליין
אונ איז גינוג רייך, דאס קענט איר פאר שטיין
נאר אאונגליקליכע סבה, האט מיר גיטראפין
אז גאט זאל מיר, מיט שקלאווין דינסט שטראפין
יעצט אסנת! פאר שטייט אליין
ווער דער לייב קען זיין......

אסנת

אח מיין גאט! איך וועל עס ניט אויס האלטין
זייט איר דען אזון פון יעקב דעם אלטין?
פיליכט זייט איר דאס, זאלט איר מיר זאגין
פון די וואס האבן, דיא שטאט שכם דער שלאגין?

יוסף

איך ניט, נאר צווייא ברידער מיינע
זיי האבין אבער אין דעם, אריכטיגע טענה

אסנת

איך וויים וייל שכם האט זייער שוועסטער מיט גוואלד פערנומען
אח

אך מיין גאט! איז יעקבס אזון צוא אונז פער שוואומען ? !
אונ אזוי פיל איז ביא אייך , דיא שוועסטער טייער
אז איר ווילט פאר איר , האץ גיין אין פייער ,
איז זיא האץ גינוג שיין , זאלט איר מיר זאגין ?
איז כדאי גיוועזן פאר איר , מיט אשטאט זיך צו שלאגין ?

יוסף

ווילט איר זעהען ריכטיג , איר גיזיכט איר שיין ?
קוקט אייך אליין , אין אייער גאלד שפיגיל איין
אייער גיזיכט , אייערע אויגין , אייערע האר , אייער שטערין
וויא אין איין פורעם וואלט איר ביידע גיגאסין געווערין

אסנת

וויא קען עס טרעפין אזוי איין עהנליכקייט
ווען איך בין פון איר , פרעמד אונ וייט ?

יוסף

דאס איז אלעס ביא גאט אין האנט
פיליכט קענט איר נאך , ביידע ווערין בעקאנט

אסנת

ווען איר זייט שוין יע , פון אברהמס משפחה
טוט האץ מיר , דיא איינע הנחה
ערקלערט מיר ריכטיג אברהמס אמונה
וואס פילע שרייען , זיא איז גיבויט מיט תבונה

יוסף

איך וואלט עס גערין טאן אייער פערלאנגען

היינט

היינט איז דאך אבער, דער נילוס אויף גיגאנגען
דאריפט איר דאך צום פאראד גיין
דען גאנץ שטאט וועט דארט זיין, גרויס און קליין

אסנת

דער פאטער וועט מיר רופן, ער וועט צוהער קומען
אט לאמיר זיך זעצן, נעמן דיא בלומען

(זייא זעצן זיך ביידע צנידער, נעמן דיא געפלאנצטע בלומען)

יוסף

אויב איר זייט איר באמת גערין
זייט איר עס ווערט, איך זאל אייך ערקלערין
אברהמס אמונה איז מיט דעם גיהויבין
וואס ער צייגט די דומהייט פון מיטעלאגישן גלויבן
און מיט דער צייט, וועט שטייגן דער גלויבן, דיא אומה
אז דיא געצין דינסט, וועט שוין גאר ניט האבין קיין תקומה
אט היינט דארף אייער טייך נילוס אויף גיין
דאס איז פון דער נאטור, נאך מיין זיידינס מיין
וויל אין דיא ווארעמע לענדער, אין דעם היצן זייט
האבין די רעגינס, די ווינדין, זייער בעשטימטע צייט
דאצוא האט ער קוואלין, ארויף שטראם
וואס אין דעם מאנהייט, עפינט זיך זייער תהום
און אז די רעגינס, די ווינדין, די שטראמען אים רייצין
מוז ער ניט ווילינדיג, דיא פעלדער פאר פלייצין
דאן קומט עס אויס, פון אייער טובה וועגין
וויל ביא אייך אין מצרים, גיט ווייניג רעגין

טרינקט

ערינקט דער טייך גיהל דיא פעלדער אן
וואס אבער האבין אייערע כהנים גיטאן
וויא זייגען דאך די רעדיל פירער אין יעדער שטאט
קריגען זייא דעם טייך, מיט דעם נאמען גאט,
אונ פאר שטעלין נאך מער, דעם פעביל דיא זיין
אונ הייסין פארין טייך, אקרבן מקריב זיין
נים אקרבן פון שאף, נים פון רינדער
נאר איונגע מיידיל, פון אייערע בעסטע קינדער
גיוויס האבין זייא איר, צוא צוינגע אן גירעט
אונ דיא ערליך קינד, האט נים גיוועלט דעם חטא
אונ פיליכט קוקין זייא שוין מיט כעס אף אייך
אט זייט איר שוין גרייט, פאר אקרבן צום טייך

אסנת

האנדלען זייא דאך מיט מענשין, פונקט וויא מיט שטרוי?
שעיין, אלע יאר טוען זייא דאך אזוי!
אה מצרים! ווער עס פירט דיר פארין נאז
בהמות זייט איר דאך! איר דארפט עסין גראז!

יוסף

אין איגדייען איז איום טוב, האב איך גיהערט זאגין
וואס דאמאלס פארין דיא כהנים, מיט אדריי גארינדיגע וואגין
איבער אלע גאסין, מיט גרויס עהרע
מיט צוועלף אייזערנע רעדער שווערע
דייא כהנים שטייען אויבין אונ שרייען
ווער וויל גאט דעם לעבין אנטלייען?
אונ וויל זיין צוא גאט אהייליגער קרבן

ווערט שוין זיין טויט, ניט גירופין גישטארבין
דען ער גייט ארויף אין הימיל לעבענדיגער הייט
אונ אלע פערגעניגין, איז פאר אים דארטין גרייט
דאן לייגין זיך טויזינדער, ביי דיא רעדער אנידער
ביז עס ווערט צוא ריבין, אף מעל זייערע גלידער
אונ דעם גאנצין איינים, וואס דער קרבן האט
פעלדער אפין לאנד, אונ הייזער אין שטאט
געמען צוא דיא כהנים, דיא זעלביגע שעה
אונ זיין הימילשין פערגיניגען, גיניסין זייא דא
דאס זיינען זייערע כהנים, דאס איז זייער פלאן
אונ וואס זיינען אייערע, ניט דורך אבמאן ?
מיט דיא גיהיימניסע פון נאטור, מאכין זייא קונצין
בכן פאלגין זייא די געטער, וואס זייא האבין גיוואונצין
אדער מיט מאגישע קונצין, פאר בלענדין זייא דיא אויגין
אונ דער פעביל שרייט, אט אט איז גיפלויגין
האבין אשריפט, מיט דעם נאמען היראגליפין
כדי מען זאל ניט פאר שטיין, זייער סוד דעם טיפין
אונ גאר פון דער נאטור, מאכין זייא אלע קונצין
מיט דער נאטור. פאר שטיינערין זייא טויטע מענטשין
וואס עס בלייבט גאנץ אף טויזינדע יארין
ווער עס קומט אן אין דיא סעקטע ווערט ער בעשוואורין
אז ער טאר זייערע סודות אייביג ניט ענדעקין
אונ מאכט שוין באלד אויך קונצין, מיט זיין צויבער שטעקין

קלוג זיינען זייא, דאס איז גיוויס
אבער בעטריגער, פון קאפ ביז דיא פיס

האבין

זאבין טאקע אין פיל חכמות, אשטארקע ידיעה
און ליינין טאקע אף דעם, גינוג יגיעה
אבער אמעלקענדע קוה, האבין זיי דאך דר פאר
לעבין גליקליך, אן דאגה, אן צער
אט דיא אלע געטער, וואס איר זעט דא שטיין
איז עס נאר אוים גיטראכט, פון זייא אליין
וואס מער אגאט, איז בק מער הכנסה
נוא, פרעג איך: וואס פעלט עס אזוי אפרנסה?

אבער מיין זיידע אברהם, האט דאס גיט געהערט
ער האט אייביג גיוויזין, אז דיא קונצין האט קיין ווערט
ער האט דיא געטער, צוא בראכין מיט דיא הענט
דער פון האבין פיל מענשין דער קענט
אז דאס זיינען קיין געטער, נאר האלץ און שטיין
דען זייא קענען ניט העלפין, אפילו זיך אליין
דאן האט מיין זיידע פאר אלע פאר גישטעלט
אז נאר איין גאט איז דא אויף דער וועלט
און ער פאר זאגט דיא נאטור, זיא זאל זיין אזוי
ניט עשתורת, ניט אמון, ניט בעל צפון, ניט סוא
ניט חנם, ניט פיבסת, ניט סעראפים, ניט און
נאר קראפט אין דער נאטור, פאר זאגט גאט אליין
דאס זאל וואקסין, דאס זאל בליען
דאס זאל סטויסין, דאס זאל ציען
דאס זאל זיינין, דאס זאל עסין
דאס זאל ברענען, דאס זאל לעסין
דאס זאל קילין, דאס זאל היצין

דָאס זָאל דוּנָערִין , דָאס זָאל בְּלִיצִין
דָאס זָאל גְלִיוָוערִין , דָאס זָאל גִיסִין
דָאס זָאל שְׁטְרָאמֶען , דָאס זָאל פְּלִיסִין
דָאס זָאל שְׁפְּרָאצִין , דָאס זָאל רִירִין
דָאס זָאל וַואֶרעמֶען , דָאס זָאל פְרִירִין
דָאס זָאל פְלִיעֶן , דָאס זָאל שְׁוֶועבִּין
דָאס זָאל שְׁטַארְבִּין , דָאס זָאל לֶעבִּין
יֶעדֶער שְׁטֶערִין , הַאלְט דִיא וָואג
מִיט זַיין גִיבָּאט , מִיט זַיין פֶער זָאג
יֶעדֶער בַּאשֶׁעפֶער , הִיט דֶעם אָרְגַאן
מִיט דֶעם בַּשֶׁעפֶערְס דֵעה , מִיט זַיין פְּלַאן
אוּנ דִיא גַאנְצֶע בְּשֶׁעפֶע , וָואס דִי אוֹיג נָאר זֶעט
אִיז דוּרְךְ אוּיס , נָאטֶעס מוּזִיק , קָאמְפְּלֶעט
דֶער שְׁפִּילְט פִּידִיל , דֶער שְׁפִּילְט פְלֵייט
דֶער שְׁפִּילְט בַּאס , דֶער טְרָאמְפֵּייט
דֶער שְׁפִּילְט אַיילְט , דֶער פָּאזָאן
דֶער שְׁפִּילְט קְלַארְנֶעט , דֶער טְרָאמְבָּאן
דֶער וָואלְטָארְנֶע , דֶער אָרְגַאן
דֶר קְלַאפְּט אִין פּוּיק , דֶר פָּארְטֶעפְּיַאן
דֶעם דֶערִיזֶער שְׁטֶעקִיל , הַאלְט נָאט אִין הַאנְד
אוּנ דִיא נַאטוּר שְׁפִּילְט אִים , אַטִייֶערִין קוּרַאנְט
אוּנ דֶער מֶענְשׁ מִיט שֵׂכֶל , לֶעזְט דִיא נָאטִין
וִויא יֶעדֶער שְׁפִּילְט , וִויא נָאט הָאט גִיבָּאטִין
אוּנ אַחִי הָאט מַיין זֵיידֶע , גִיקֶענְט אוֹיף נֵיינְזִין
פִּיל אַייֶערֶע כֹּהֲנִים ווִילִין דֶעם פֶּעבִּיל פֶער גְרֵייזִין
זֵייעֶרֶע קוּנְצִין , מִיט דִיא חִיטְרֶעשֶׁע כַּוָנוֹת

זייערע

זייערע זון קירכין, אונ מענשין פער קרבנות
זייערע בלוט פער גיטין, מיט זייערע בעטריגין
זייערע אכזריות, מיט די פערבארגענע פערגעניגין
די פאלשקייט די היטראשין, וואס בייא זייא עקסעקוטירט
אונ וויא ווייט זייא האבין, דיא וועלט פער פירט
ביז ער האט הונדערטער, גיעפינט דיא אויגין
צוא זיין ריינעם גלויבין, הונדערטער צוא גיצויגין
ביז גאט האט אים גיהייסין, אויף דער וועלט רייזין
דעם הייליגין גלויבין אלעמען צוא ווייזין
פון לאנד צו לאנד, פון נאציאן צו נאציאן
אונ אלעמען גילערינט, זיין רעליגיאן

אסנת

אח! וויא בין איך יעצט, גליקליך אונ רייך
דיא וויכטיגע ווערטער, צוא הערין פון אייך
איר האט מיך יעצט בעצויבערט, מיט אייערע רייד
איך וועל שוין האלטין דיא וואג, צוא וויסין אאונטער שייד
יא, יא, איר זייט פון דיא קעניגע, פון דיא לייבין
ער שטאלצירט מיט זיין גבורה, איר מיט אייער גלויבין
איך שווער אייך יוסף! בייא אייערע עלטערין די פרומע
דאס איך וועל ניט הייראטין, פון אנאנדער אומה
ביז גאט מיט זיין רחמנות, וועט מיר בעגליקין
אונ וועט מיר איינעם, פון אברהמס קינדער שיקין.....

(פוטיפר קומט אן, אן גיצויגין אין דיא
פאראדנע קליידער, ער גינעהנט צוא אסנת)

נוא

פוטיפר

נוא, דער גיהל איז דאך שוין היינט גרעסער גיוואָרין
עס גייען צום פאראַד, דער קעניג און אַלע מיניסטאָרין
אַלע חרטומים (ער הוסט, אוהו אוהו) אַלע מאַנאַרכין
עס וועט דאָרטין זיין פערגעניגענדע זאַכין
טוא זיך אָן מיין קינד! וועסט אויך גיין
גאַנץ שטאָט וועט דאָרט זיין, גרויס און קליין
וועסט זעהען וויא מיא וועט וואַרפין אין טייך דיא מיידיל

אסנת (מיט שרעק)

ניין פאָטער! דאָס צוא זעהען, בין איך צוא איידיל!

פוטיפר

פירכטע ניט קינד, מיר וועלין גיין צוא זאַמען
אַלע דינער, און איך און דוא מיט דיא מאַמען
נאָר דוא ביזט דאָך מיין טאָכטער! נאָך גאָר ניט אָן גיצויגין
איך הייל מיך צום פאַראַד, איך וואָלט גערין גיפלויגין
און דוא וועסט דאָך ניט גיין, אָן דיינעם אַבעקאַנטין
אָט, שיק איך דיר גלייך, דיין גובערנאַנטין

(צוא יוספן)

און איר יוסף? פאָר בלייבט צוא הויז!

(צוא אסנת'ן)

גלייך שיק איך דיר, דיא גובערנאַנטין ארויס

פוטיפר

(פוטיפר לויפט אוועק , יוסף הילט זיך אויף
צום אוועק גיין , אסנת האלט אים אויף)

אסנת

אה ! וועלכער מענש קען עס דער בייא זיין
זעהען וויא מיא ווארפט אמענשין אין טייך אריין

(יוסף פרייט זיך , וויא עס גיפעלט אים אז זיינע ווערטער
האבין שטארקט גיווירקט אויף אסנת צארטע הארץ ,
ער בעדיינקט זיך אקליין ווייליע אונ פרעגט איר) :

יוסף

מיינע גיהיימנישע , האב איך אייך ענדעקט אלס
זאגט איר מיר פריילין ! ענטגעגין
וואס פר אבלעביל, היינגט עס שטענדיג בייא אייך אויפין האלז ?
איך האב שוין לאנג גיוואלט , בייא אייך פרעגין ,

אסנת

פון קינד וויים אן , טראג איך דאס
מן הסתם בעדייטעט דיזעס , אויף וואס
נאר פון מיינע עלטערין , האב איך אפארזאג
אז איך טאר עס ניט עפענען, ביז מיין לעצטין טאג

(עס הערט זיך שפילין טראמפייטין, יוסף אונ אסנת גייען
צוא זעהען , פון וייטין איז צוא זעהען דיא מיליטער
מיט דעם גאנצין פאראד , נאכהער דיא כהנים , מיא
פירט דיא מיידיל אין מיטין , ארום איר מיליטער מוזיק ,
אסנת אונ יוסף בהעבין דיא הענד , איינינע מורינגען
לויפין

מכירת יוסף

(לויפין אביין אין גארטין , צוא טראגין אסנתן צום פאראד)

ענדע זיבענטע סצענע

אכטע סצענע

זליכה'ס נאבינעט

(עלוקה האלט צבארשט אונ קערט דיא
דילין , עזובה קלאפט אוים דעם טעפיך)

עזובה

אפי' קיין יום טוב , איז פאר אונז ניטא
נאנין מצרים , איז היינט פיין נילוס דא
אזוי א הילינער יום טוב וויא היינט אשפאס
עס קערט דאך נאראד , פול דיא גאס
אונ מיר זיינען וויא דער אייזיל , בק טוה אונ מוה
סיא וואך , סיא יום טוב , ניט ער קיין רוה

עלוקה

דער ווירט האט דאך אונז גיהייסין צום פאראד גיין
נאר דאס וואקסט אלין , פון דעם עברי אליין
זייט דער ווירט האט אים אין הויז גיבראכט
איז טען גישפאנט אין מאחע , טאג וויא נאכט
אונ ער איז שוין דער גאנצער ווירט אין הויז
שלעכט , צווייטער האפענונג צוא ווערין פון אים לויז
זליכה

(זליכה קומט אריין האלט דיא האנד פיין שטערין)

זליכה

וואס גייט איר ניט צום פאראד ? וואס זאמט איר אייך
מיא האט דאך שוין דיא מיידיל , אוועק גיפירט צום טייך
איך וואלט אויך גיגאנגען , נאר איך קען היינט ניט גיין
דיא קאפ טוט מיר וויא , איך בלייב דא אליין
איך וועל טרינקען אגלעזיל קאפע
אונ וועל מיך דא צו שפארין אפין זאפע

(עלוקה אונ עזובה לויפין ארויס)

זליכה (אליין)

איצט איז די צייט, איצט איז די גליקליכע שעה
אלע זיינען אוועק , קיינער איז ניטא
אה ! אויף די פליגיל פון ווינד , וואלט איך גיפלויגין
נאר דיר איין מאל צוא זעהען מיט דיא אויגין
דוא יוסף ! קענסט לעשין מיין פייער וואס ברענט
מיין לעבין, מיין טויט , איז ביידיר אין די הענט

(זיא חאפט זיך אויף פון זאפע , רויכערט
זיך אויס מיט אלאען האלץ , קלינגט
אן מיטין גלעקיל , יוסף לויפט אריין)

יוסף

וואס ווינשט איר מאדאם ?

זליכה

זיץ יוסף , היינטיגע נאכט קען איך ניט שלאפין

טויזענדער

טויזנדער גידאנקען זייגען מיר איבער גילאפין
די וועלט מיט איר פירונג, וויא איך האב בעקלערט
זעה איך איין, עס איז אלין פונקט פער קערט
וואו דער מענש, שטרעבט זיך נאך אציל
לאזט זיך אוים, פער קערט וויא ער וויל
דער שלעכטער טיפאן, ער טוט עס אוף
ער קערט אום דעם גליק, מיט דיא פים ארוף
ער הערט קיין רייכע, ער שעצט קיין קענער
פעראכטעט פרויען, פערהאסט מענער
דער קלוגער האט קיין ברויט, אויך קיין גוטע פריינד
דער נער האט גוטע ברידער, זיין גיזיכט שיינט
דער ערדענטליכער מאן, איז אייביג גידריקט
דער דיב, דער רוצח, איז אייביג בעגליקט
דיא שיינע פרויא, איז צוא אאלטין מאן גיצוואונגען
דער שיינער קנעכט, איז צום העסליכין הערר פערדונגען
ער ליבט נאר, דעם דיב, דעם נער, דעם רייכין
מיר אבער, קענען דאך דיא זאך פער גלייכין
ווען מיר זאלין ביידע, אפארטי שליסין
דאן וועלין דיא שיינע, די פריידע גיניסין

(זליכה נעמט זיין האנד צום מויל)

דיין שיינע גיזיכט, וועלכע לייכט אפראכט
האט ביא מיר טיף אין הערצין, אנגעסט גימאכט
ענטפער מיר יוסף, דעם ווארט "יא" דעם זיסין
דען מיין הערץ, ווערט מיר אף שטיקער צו ריסין

(יוסף קערט אפ זיין גיזיכט, שטייט אויף און וויל גיין)

אייער

יוסף

אייער אייגענע פאנטאזי מאכט אייך קראנק
נאר אייער מיה איז אום זאנסט , נאך מיין גדאנק

(זליכה ווערט צארינדיג , האפט
אים ביין מאנטיל פעסט)

זליכה

איצט יוסף ! איצט איז גיקומען דיא צייט
קלייבט אייך אויס , ציא פריד ציא שטרייט
גינוג שוין מיט אייך פאליטיק צוא שפילין
קורצע ווערטער , איר טוט מיין ווילין ? !

(יוסף רייסט זיך צוא אנטלויפין ,
זליכה האלט אים פעסט ביין מאנטיל)

יעצט העלפט קיין תירוצים באין אופן
דוא וועסט שוין איצט , פון מיר ניט אנטלויפין

(יוסף ציט ארויס מיט אינפעט דיא הענד פון ארביל ,
לויפט ארויס דורכין טיר , זליכה בלייבט שטיין ,
מיט זיין קלייד אין האנד , פער קלעמט אונ ערשראקין)

גיין , אונגליקליך מאך איך אים היינטיגין טאג
אין קייטין שמיד איך אים , פוילין אין אסטראג
דען דיא זעלביגע קייטין , קען איך גיגיסין
וועו פוטיפר , זאל זיך דיא ווארהייט דער וויסין

(עלוקה אונ עזובה לויפן ארײן פריליך
אונוויסענד וואס דא האט פאסירט)

עלוקה מיט עזובה

אי ווייא וואס היינט האט זיך פיין גילוס גיטאן
מען האט דעם קעניג גיטראגין צפין מראחן
די מיידיל ווארפט ער אריין, מיט זיין האנד אליין
אלע באמטע זיינען גיוועןן, גרויס אונ קליין
מוזיק האבין גישפילט, דיא פריסטער גיזונגען
מיט פויקן גיקלאפט, מיט גלאקן גיקלונגען
אונ דיא חרטומים, מיט דיא כהנים.....

(פלוצלונג הערין זיא ערשטוינט פון א פירכטערליכע
גישרייא וואס זליכה האט פון הארצין אויס גישריען)

זליכה

אוי! — שלעכט! — איך בלייב — ניט גוט —
אחרטום! — גיכער! — לאזין בלוט —

(דיא דינערין)

ליבסטע מאדאם! וואס איז אייך גישעהן?
ווייא! וואס איז דא גיוועןן?

זליכה

אין אונמאכט בלייב איך, שלעכט איז מיר! שלעכט!
דער פער פלוכטער עברי, דער פאלשער קנעכט
איך

עלוקה

איך האב באלד פער שטאנגען , אז דא האט וואס גיטראפין
קוקענדיק וויא יוסף , איז פון שטוב ארויס גילאפין

זליכה

אט ליגט נאך זיין מאנטיל , אט ליגט נאך זיין קלייד
אוי ! — איך וואלט אייך דער ציילין זיינע אלע רייד —
אז ער איז שוין אין גאנצין דער ווירט . אוי איך בלייב
ווילט זיך אים שוין זליכהן , פאר אווייב

(די דינערן קוקין זיךביידע אן מיט פרוואונדערונג
און מיט אפאר שטעלטין גילעבטער)

זליכה

איך בין אזוי איינזאם , אפין זאפע גילעגין
איך זע דער עברי שטייט מיר אנטקעגין
נעמט זיך וויצלען , אזוי מונטער פריש
עס האט מיך גינומען טרייסלען , הענד און פים
טוט נאך אוים די קלייד , די פאר שייטע אויגין
און וויל זיך לעבין מיר , אפין זאפע לייגין

עזובה

עס גייט אים וואס אפ ? וואס פעלט אים מער ?
אט וויל ער שוין זיין אין גאנצין דער הער

זליכה

איך האב גינומען שרייען , ראטעוועט מיר

אט איז ער פון פחד, אנטלאפין דורכין טיר
אבער צי וועט עס מיין מאן, נאר ווען גלויבין
דער יונג איז דאך בייא אים, אזוי גיהויבין
בעט איך אייך קינדער, פאלגט נאר מיך
וועט איר פון אים, פטור ווערין אף גיך
אז דער ווירט וועט קומען, זאלט איר אים זאגין
דאס איר האט פיל מאל גיוואלט פער אים קלאגין
וואס יוסף האט אייך אויך, דער צו אן גירעט
מיט גוטין, מיט בייזין, מיט כעס, מיט גישפעט
און אויף איצט, זאלט איר זיין עדות צווייא
אז איר האט זעלבסט גיהערט מיין גישרייא
אוי! מיין קאפ! איך דער האלט ניט—שלעכט!
מיט אלע קרעפטין, האב איך מיר קענגין אים גיפעכט

(עס קומט אן פוטיפר, גייט צוא
צום זאפע, די דינערין טרעטין אב)

זליכה

דאס הארץ איז מיר שוואך, אוי! — איך בלייב!
גייא זע, וואס טוט זיך שוין מיט דיין ווייב.

פוטיפר

(מיט האסט)

וואס איז שוין דא גיוועזן? זאג שוין זאג!
אטיילע זיך פאר זאמט, איז שוין אנייער קלאג

זליכה

דעם עברי, דעם קנעכט, מאכסטו דאך פאר אבאלעבאס

גיב

גיב אים שוין דיין ווייב אויך, ער פאר לאנגט דאך דאס

(פוטיפר בלייבט שטיין פער וואונדערט און ערשטוינט)

זליכה

(מיט געוויין)

קיין אנדער קנעכט, קען מען אין מצרים ניט בעקומען
אז ער האט דעם עברי, אין הויז גינומען ? !
ער גייט נאך צום נילוס, זעהען די קראָקאָדעלין
פרעגט: וואס קען אים דר שטובינער קראָקאָדעל פעלין ?

פוטיפר

ווער איז דער קראָקאָדעל ? מאגסט דאך זאגין,
גלייך ווערט ער ביי מיר, טויט גישלאגין

זליכה

איך האב דאך דיר גיזאגט, ווער און וואס
אט אז מיא מאכט, אשקלאוו, פאר אבאלעבאס

פוטיפר

(צוא די דינסטין)

ניבער פירט אים אריין
גלייך וועט זיין ענדע זיין !

(די דינערין לויפין ארויס, גלייך פירין זיא אריין יוסעפן, אסנת קומט נאכהער פאר בראכין די הענד, פון איר גיזיכט פליסין טייכין טרערין)

אזו

פוטיפר (צוא יוסֵפֿן)

אַזוֹי עִבְרִי ? אַזוֹי פִירְט מֶען אַוֶועלְט ?
וָואס הָאט דִיר פָאַרְט בַּייא מִיר גִיפֶעלְט ?
הָאסְט גִיהַאט עֶסִין , הָאסְט גִיהַאט גֶעלְט
הָאסְט נִיט גִיוואוּסְט , פוּן הוּנְגֶער פוּן קֶעלְט
נָאר אַזוֹי — הָאט זִיךְ דִיר פַאר וֶועלְט ? !
דוּא הָאסְט זִיךְ נָאר נִיט פָאר גִישְׁטֶעלְט
אַז דוּא בִּיזְט אַשְׁקְלַאוו , גִיקוֹיפְט פַאר גֶעלְט ?
גֵייסְטוּ צוּ מַיין פְרוֹיא , אִין אִיר גִיצֶעלְט !—

יוסף

גָאט פוּן הִימִיל ! ! נָאר דוּא וַוייסְט רִיכְטִיג !

פוטיפר

קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַזוֹי נִידֶערְטְרֶעכְטִיג ! !

עלוקה, עזובה

הֶערְר מִינִיסְטֶער , מִיר הָאבִּין בִּיז יֶעצְט פַאר הוֹילִין
אוּנְזֶערֶע צָרוֹת , פַאר אַייךְ צוּא דֶער צֵיילִין
עֶר הָאט פִיל מָאל גִיוָואלְט , אוּנְזֶער אָרְדֶענְטְלִיכְקֵייט בְּערוֹיבִּין
פַאר וָואס זָאלְט אִיר אִיצְט , דִיא וֶוערְטִין נִיט גְלוֹיבִּין ?

פוטיפר

רוּפְט מִיר חַרְטֻמִין אַהֶער !
אוּנ תֵּיל מִיט גִיוֶוער !

עלוקה

(עֶלוּקָה אוּנ עֲזוּבָה לוֹיפֶען אַרוֹיס פְרֵיילַאךְ ,
אָסְנַת פַאלְט דֶעם פָאטֶער צוּא דְיא פִים)

אסנת

שְׁטְרָאף נִיט פָאטֶער ! אֵיידֶער דוּא דְיא וַוארְהַייט וַוייסְט !
אויף אוּנְשׁוּלְדִיגֶע בְלוּט , גִיפִינְט מֶען נַאכְהֶער קֵיין טְרֵייסְט !
זֶעץ אִים אִין תְּפִיסָה , בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ דְיא וַוארְהַייט דֶער גֵיין
דֶער נָאךְ מֶאגְסְטוּ אִים טָאן , וָואס דוּא וִוילְסְט אַלֵיין
אָבֶער חָלִילָה פָאטֶער , אִים שׁוֹין צוּא הֵייגֶען !
אָה יַעֲקב ! מִיא וִויל דַיין קִינְד אוּם בְּרֵיינְגֶען ! ! !

(אָסְנַת פַאלְט אִין אוּנְמַאכְט ,
פּוֹטִיפַר חַאפְּט אִיר מִינְטֶערִין)

פוטיפר (מִיט גִישְׁרַייא)

וַוייא אִיז מִיר ! מַיין קִינְד אִיז פַאר בַייא ! ! !

(יוֹסֵף לוֹיפְט צוּא , מִינְטֶערְט אִיר
אָב , אָסְנַת עֶפִינְט דְיא אוֹיגִין)

אסנת

וָואס רַאטֶעוֶועט אִיר מִיר ? דֶער טוֹיט אִיז מִיר גוּט !
אֵיידֶער צוּא זֶעהֶען , אוּנְשׁוּלְדִיגֶעס בְּלוּט !

זליכה (צוּא אָסְנַת)

פַאר דֶעם פֶער פְלוּכְטִין עִבְרִי , וָואס נֶעמְסְטוּ זִיךְ אָן
וֶוער דֶען ? דַיין מוּטֶער הָאט עֶס גִיטָאן ?

רעכינסט דיין מאמען , חלילה אין אזוי אגראד ?
טוא וואס ביזטו , אז דיין מוטער איז אין חשד ?

אסנת

איך רייד דאך קיין ווארט , איך פערלאנג נאר גידולד
פילייכט האט יוסף , אין דעם נאר קיין שולד
ער האט יעצט קיין לשון , פארלארין זיין שפראך
נאכהער וועט מען וויסין , אף ריכטיג דיא זאך

(עס קומט אריין הרנפר , נאך אים פאליציאנטין מיט
הוילע דעגינס , איינער פון זייא האלט איזערנע קייטין)

פוטיפר

(מיט כעס צוא הרנפר ווייזינדיג אויף יוסעפן)

דעם פארפלוכטין עברי , נעמט צוא פון מיין שטוב
שמיט אים אין קייטין , אונ ווארפט אים אין גרוב !

(דיא פאליציאנטין לויפין צוא , ווארפין
אנידער יוסעפין אף דער ערד , שמידין אים
הענד אונ פיס , אסנת לויפט צו צום פאטער)

אסנת

איך בעשווער דיך פאטער ! מיט וואס דיר איז ליב
אז דוא זאלסט יוסעפן ניט ווארפין אין גרוב
ער וועט ניט אויס האלטין , דעם ערשטין טאג
אה ! זיינע קייטין , אפשר צעהען פוד וואג
ליבערשט , זעץ אים אריין אין אסטראג
אה יעקב ! וויא גרוס איז דיין קלאג ! !

(דיא גובערנאנטין לויפט אן אף דיא געשרייא פון
אסנת זיא פאלט פוטיפרין צוא דיא פים)

דיא גובערנאנטין

מיין ליבער הער ! איר מוזט מיר פערציהען
וויא לאזט איר עס אייער קינד , אזוי יעמערליך שרייען ?
אה ! דאס קינד האט זיך איר שוואכע הארץ צו ריכט
הייסט , ער זאל זיין אין אסטראג ארעסטירט
פון שווערע קייטין , פון אייזערנע שרויפין
קען מען אויך פון אסטראג ניט אנטלויפין

זליכה

(מיט אלע קרעפטין)

הייגנגען זאל מען אים ! ! אוי ! — איך בלייב —
אבער ער פאלגט דיא טאכטער — ניט דיא ווייב

אסנת (צו זליכה)

ליבסטע מוטער ! לעש אפ דיין צארין !
ערוועק דיין רחמנות , אף זיינע יונגע יארין !

פוטיפר (צו חרנפער)

איך טוה עס נאר צוא ליב , דיא גובערנאנטין
זעצט אים , וואו דעם קעניגס , ארעסטאנטין

(דיא פאליציאנטין נעמען יוספן , אסנת בעגלייט אים
מיט טרערין , פער בראכין די הענד , די גובערנאנטין
ווישט דיא אויגין , עלוקה אונ עזובה פאצין מיט דיא
הענט

הענד, יוסף שרייט אוים; אה גאט!!! מען
פירט אים ארויס, דער פארהאנג פאלט,

ענדע אכטע סצענע

אונד אויך

צווייטער אקט

ערלאג פאן מרדכי קאצענעלענבאגען, ביכהענדלער אין ווילנא.

מכירת יוסף

איין טעאטער שטיק אין זיבין אקטין און אין זיבעצעהן סצענען.

גיפארמירט נאך די בעסטע און גלייכסטע דעות פון גמרא, פון מדרשים, פון ילקוט, פון מפרשים, און פון אנדערע קלוגע ספרים, פערפאסט דורך אוים אין לידער מיט גיזאנג, צום פאר שטעלין אויף דער סצענע, באשריבין די קאסטיומען מיט דיא דעקוראציאנען, נאך דיא עגיפטישע זיטין, און זייער מיטהאלאגי.

פאן

אליקים צונזער

בדחן מווילנא.

צווייטער טהייל

ווילנא

דרוק פאן יצחק יהודה ליב קאצינעלינבויגען.

תרע"ד

Эліокимъ Цунзеръ.

МХИРАТЪ ІОСИФЪ

Продажа Іосифа братьями.

Часть Вторая.

Изданіе и собственность
М. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА,
Книжный магазинъ. Вильна, Еврейская ул. д. № 1.

ВИЛЬНА
Электро-тип. И. А. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА,
Виленская ул., д. № 10.
1914.

דריטער אקט

דיא תפיסה הויז

(אין צעהען יאר ארום)

פון פריא מארגין

(תחרע, עזמות, נאך איינינע
תפוסים גישמיט אין קייטין)

תחרע

דיא גידאנקען טומלען מיר, דעם היינטיגין פריא מארגין
איך הער ניט אויף צוא דאייגין, צוא זארגין

עזמות

איך בין עפעס אויך פאר קלערט, פאר טראכט
דען מיך טרוימט וואס, היינטיגע נאכט

תחרע

אט דאס האט מיך היינט גישלאגין מיין מוהט
מיך טרוימט אויך, אבער ציא שלעכט ציא גוט
דאס קען איך ניט וויסין, נאר דאס הארץ שרעקט
אבער הין ציא הער, זאל שוין זיין גיעקט

(איינער פון דיא תפוסים)

שיקט נאך אחרטום, וועט ער אייך פותר זיין

אהער

תחרע

אהער לאזט מען, קיין חרטום ניט אריין

(דער תפום)

אט פאר געסט אייך אן טרוים, אונ זייט פריילע:

עזמות

אויסער דעם איז גוט, צוא זיין פאר האסט פון מלך?
אזאר אב צוא זיצין, וויא מיר קוועלין זיך דא
אפילו קיין פרייע לופט, איז פאר אונז ניטא
ניט אונז שיינט די זון, ניט אונז פרייט דער פרילינג
אונזער לעבין איז ניט ווערט אשילינג

(דער תפום)

דער וואס איז גאך, פון פעביל גיבארין
וואס ווערט ער אן, וואס האט ער פאר לארין?
עסין האט ער, חרגפר האט קארין
קאלט איז אים ניט, ער ווערט ניט פער פרארין
צוא צרות איז ער פון דער יוגענד גישווארין
דאך איז אים שווער, צוא ליידין דעם צארין;
מיר וועלכע זיינען גיוועזן גענעראלין
זאלין מיר אצו זיין אויף אייביג פערפאלין
אין קייטין גישמיט, פאר שפארט אין גרוב
אס איז אונזער בעט, אונ דאס איז אונזער שטוב!
ה חנס! אמון! פי־בסת! און!
ז אונזערע צרות, זאגט אמאל "שוין"!

(אסנת קומט אריין קוקט זיך אום)

אסנת

יוסף איז ניטא ? וואו קען ער עס זיין ?

(אתפוס)

גלייך גלייך , קומט ער אריין

תחרע

עס גיט וואס נייעס ? וואס הערט זיך אין שטאט ?
אח פאר וואגילט איז מען , פון לייט אונ פון גאט

אסנת

מיא פוצט דיא נאסין , פריילאך אומעטום
דעם קעניגס גיבורטסטאג , איז אין דרייא טעג ארום

עזמות

דעם טאג איז ער פרייוויליג אם בעסטין
גיוויס וועט זיין , נייע מאניפעסטין

(יוסף קומט אריין , אסנת נעמט
אונגידולדיג יוספן אן אזייט)

אסנת

ליבער יוסף , מיין פעטער , מיין פריינד
אטרויעריגע נאכריכט , ברייננ איך היינט
זליכה איז גישטארבין , וואס האט מיך ערצויגין ....

יוסף

אייער מוטער ? וואס האט אייך גיבארין ? גיזויגין ?

אסנת

זִיא אִיז נִיט מַיין מוּטֶער , אִיר הָערְט אַסֶעקְרֶעט ?
זִיא הָאט אַלֶעס עֶנְדֶעקְט , אַף אִיר טוֹיטֶע בֶּעט
דִיא אַרַאבְּיֶער הָאבִּין מִיר , צוּא אִיר גִיבְּרַאכְט
אוּנ זְלִיכָה הָאט מִיר , פַאר אַפִינְדְלִינְג בֶּעטְרַאכְט
דְרַייא יָאר בִּין אִיךְ דַאן גִיוֶועזְן אַלְט
זַייא הָאבִּין מִיר , גִיפוּנֶען אִין וַואלְד
זְלִיכֶהן אִיז גִיפֶעלִין , מַיין גִיזִיכְט מַייגֶע אוֹיגִין
אוּנ הָאט מִיר גִיקוֹיפְט , אוּנ בַּייא זִיךְ עֶרְצוֹיגִין
אוֹיף מַיין הַאלְז הֵייְנְגְט דַאן , דֶער זֶעלְבִּיגֶער צֶעטִיל
פוֹטִיפֶר עֶפִינְט לֵייעֶנְט דִיא בְּלֶעטִיל
אַח וִויא עֶרְשְׁטוֹינְט אִיז עֶר גִיוָוארִין
צוּ זֶעהֶען פוּן וָואסֶער פַאמִילְיֶע , אִיךְ בִּין גִיבָּארִין

יוסף (עֶרְשְׁטוֹינְט)

וָואס הֵייסְט ? אִיר זַייט נִיט זְלִיכֶה'ס קִינְד ?
אוּנ אִיר וֵוייסְט אַייעֶר שְׁטַאם ? אָה ! זָאגְט שׁוֹין גִישְׁווִינְד

אסנת (מִיט גִיוֵויין)

אִיךְ בִּין פוּן כְּנַעַן , מִיט אַייךְ פוּן אֵיין מְדִינָה —
מַיין מוּטֶער אִיז — אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער דִינָה

יוסף

אָה גָאט !!

אסנת

אוּנ דֶעם צֶעטִיל , הָאט דֶער זֵיידֶע יַעֲקב גִישְׁרִיבִּין

בְּשַׁעַת עֶר הָאט מִיר פון הויז פַאר טְרִיבְּן
יוֶוער עֶס הֵייַראטְעט , אָסְנַתְן אִיצוּנְד
דֶער הָאט פַאר אַוֵייב , יַעֲקבס אַקִינְד׃

יוסף

אָה הִימִיל ! !

אסנת

(פַאלֶענְדִיג אִין דִיא אַרֶעם פוּן יוֹסֵף)

אִיר זַייט מַיין אֶנְקִיל , אַבְּרוּדֶער פוּן מַיין מוּטֶער !
אָה לִיבֶּער יוֹסֵף ! מַיין פְּרַיינְד מַיין גוּטֶער

יוסף

מִיר זַיינֶען שׁוֹין בֵּיידֶע , פוּן כְּנַעַן פַאר טְרִיבְּן
אִין דֶער פְרֶעמְד פַאר וָוארְפִין , עֶלִינְד גִיבְּלִיבְּן

(עֶס וֶוערְט זַייא בֵּיידִין אִיבִּיל , דִיא תְּפוּסִים
אַלֶע לוֹיפִין צוּא , חַרְנֶפֶר לוֹיפְט אַריין)

חרנפר

וָואס אִיז אַייךְ יוֹסֵף ? מַיין פְּרַיינְד ! מַיין טְרַייֶער

יוסף

(קוּמֶענְדִיג צוּא זִיךְ)

גָאר נִיסְט — נָאר נִיסְט — שׁוֹין עֶטְוַואס פְּרַייֶער

חרנפר צוא יוספן

וָואס קִימֶערְט אַייךְ אַזוֹי , זְלִיכָה'ס טוּיט ?
דוּרְךְ אִיר זִיצְט אִיר דָאךְ גִישְׁמִיטֶערְהֵייט

אִיךְ וֵויים אַז זִיא הָאט זִיךְ גִיוָועֶן מִתְוַדָה
אוֹיף דֶעם וָואס־מִיר וֵוייסֶן עֶס בְּוַדַאי
אַז אִין אַייעֶר שְׁטְרָאף , הָאט אִיר קֵיין חֵטְא
זִיא הָאט אַלֶעס עֶרְצֵיילְט , צַף אִיר טוֹיטֶע בֶּעט

אסנת

מִיר וֵוייסֶן דָאךְ , אַז פּוֹטִיפֶר וֵויים עֶס פוּן לַאנְג
אַייעֶר זִיצִין תָּפוּס , טוּט אִים בַּאנְג
זַיין גִיוִויסֶן דְרִיקְט אִים , דָאס הַאְרְץ טוּט אִים פְּרֶעסֶן
דְרוּם שִׁיקְט עֶר דָאךְ אַייךְ , פוּן זַיין הוֹיז עֶסֶן
נָאר עֶר אִיז גִיצְוואוּנְגֶען , דָאס צוּא פַאר דֶעקִין
דֶען פֶער אִיר פַאמִילְיֶע , טוּט עֶר זִיךְ שְׁרֶעקִין

לָאזְט עֶר אַייךְ לוֹיז , אִין דֶעם מִשְׁפָּט עֶנְדֶעקִין
וֶועט מֶען דָאךְ דֶער מִיט , אִיר נָאמֶען פֶער פְלֶעקִין
דְרוּם הַאלְט עֶר דִיא שְׁטְרִיק , פוּן בֵּיידֶע עֶקִין

חרנפר

לַיידֶעט יוֹסֵף ! גָאטֶעס שְׁטֶעקִין
פִילַייכְט , וֶועט זִיךְ אַהִילְף עֶרְוֶועקִין
אוּנ גָאט וֶועט אַייךְ , זַיין הַאנְד אוֹיס שְׁטְרֶעקִין

(יוֹסֵף קוּקְט זִיךְ אַרוּם , זָא וִויא עֶר וִויל וָואס רֵיידִין אַמוּד)

יוסף צוא חרנפר

אִיךְ הָאבּ גִיוָואלְט מִיט אָסְנַתִין וָואס רֵיידִין
פִילַייכְט קֶענְט אִיר , דִיא תְּפוּסִים פוּן מִיר שֵׁיידִין ?

מכירת יוסף

חרנפר (צוא דיא תפוסים אלע)

גייט אייך קינדער ! אפין הויף ארויס

(תחרע אונ עזמות אונ אלע תפוסים
גייען ארויס , אונ חרנפר אויך)

יוסף

נאר מיך וואונדערט , אף מיין פאטער איצונד

וויא לאזט ער ארויס , פון דרייא יאר אקינד ?
אין נאטעס וועלט , עלינד , אליין ?

אסנת

דעם זיידינס כונה , קען איך ניט פער שטיין

יוסף (פער טראכט)

יא ! יא ! זיין כונה איז ניט צוא פער שטיין
וויא שיקט ער מיר , צוא מיינע ברידער אליין
וואס ער ווייס וויא שטארק , עס איז זייער שנאה
זייא וואלטין מיר גישטאכין , דורך זייער קנאה
אונ דער פאטער , ווייסט דעם סוד פון דעם
אונ שיקט מיר דאך , צוא זייא קיין שכם ?

אסנת

איר האט דאך ערציילט , וואס מיט אייך פאשירט
אז די שנאה פון די ברידער , האט אייך איבער גיפירט

יוסף

בייא אונז איז דיא זיטע , פון אייביגע יארין

אז דער בכור , וואס איז צום ערשטין גיבארין
בעזיצט אין דער פאמיליע , אמאנארכעשין שטאנד
ער ריכטעט , ער שטראפירט , וויא אקעניג אין לאנד
אונ דער פאטער , טוט אים אן , אקלייד פארין לעבין
צום בעוויז אז דיא הערשאפט , איז דעם בכור אוועק גיגעבין
אונ וויל מיין פאטער , האט אן ראובנ'ן דער קענט
אז ער איז צוא היילינד , ער פלאמט , ער ברענט
דרום גיט ער מיר , דיא הערשאפט , דיא בכורה
רחל'ס אקינד , רחל'ס בכור , דיא ערשט גיבארענע פרי
אזיידענע העמדיל , צום סימן גיט ער מיר איבער
בכן , אז איך שטייג , מיינע ברידער אריבער
אונ נאך זיין טויט , בלייב איך דער פירער
דער ריכטער ביי די ברידער , דער גאנצער רעגירער
וויא וואהל מיינע ברידער , האט דאס זייער גיברענט
נאר וואס האבין זייא דען , מאכין גיקענט ?
איך וואר אונטערין שוטץ , פון מיין פאטערס הענט
איך האב פון מיין הערשאפט , שטענדיק גיטראכט
ביז דאס פלעגט מיך טרוימען ביא נאכט
איך האב אייך דאך דער ציילט , וויא עס איז דער גאנגען
ביא דעם טרוים פון דיא גארבין , זייא וואלטין מיך גיהאנגען
נאר מיין צווייטין טרוים , בשעת זייא הערין
מיט די זון , מיט די לבנה , מיט די עלף שטערין
דא איז שוין דער פאטער , גירירט גיוואַרין דער פון
דען דאס מיין איך דאך אים , אין משל פון דיא זון
אט דא האב איך שוין , זיין עהרע בערירט
דען כל זמן ער לעבט , ריכט ער אונ רעגירט

צום ביישפיל, ווען איינער זאל צום קעניג קומען
און זאגין: מיך טרוימט, איך האב דיין קרוין צו גינומען
געווים איז פער יענעם, שוין ווייניג די תפיסה
דען יענער איז געוויס, חייב מיתה
דער פאטער האט גלייך, אף מיר מיט כעס גישריען
ווילסט שוין זון: בעצייטין, אזוי הויך פליען
דיר איז נאך ווייניג, אויף דיא ברידער צוא וואלטין
ווילסטו נאך הערשין, אף דיין טאטין דעם אלטין
די ווילע וואס ער לעבט, איז דיר שווער אוים צו האלטין
איך האב פער שטאנען די נארעשקייט, דעם אויגין בליק
אבער מיא קען שוין דעם ווארט, ניט חאפין צוריק
און אין אמאנהייט ארום, שיקט ער מיר קיין שכם
שיינט מיר, אז דר פאטער האט גיהאט, אמיין אין דעם
דען מיר איז אוואונדער אגרויסער
מיין פאטער, איז דאך אטרייער אהייסער
איבער הויבט, מיר ליבט ער וויא זיין לעבין
אז ער האט מיר, דיא בכורה איבער גיגעבין
טוה וויא שיקט ער מיר, צוא מיינע ברידער ?
אה! נאך יעצט ציטערט מיר מיינע גלידער !
שטייץ, פיל מאל האט ער בעמערקט
אז זייער שנאה איז גישטערקט
זייער קנאה, וויא פייער ברענט
און ניט מיר איבער צו זיי אין דיא הענט ?
גיין, ער שיקט מיר גאר, דרום קיין שכם
ווייל איך האב מיך פערזינדיגט קעגין עם
דרום שיקט ער מיר, ווא זיא ווייד[ין] דיא שאף

אז איך זאל פון זיא, בעקומען מיין שבראך –

אסנת

ווארום האט איר ביז יעצט, אזוינס ניט גיקלערט ?

יוסף

ווייל איך האב פון אייער גישיכטע גיהערט
אז ער לאזט אייך ארויס, פון דרייא יאר אקינד
איז עס מיר אפין זינען ארוף איצונד
גאר .... שא ! מיא גייט .....

(דיא אלע תפוסים קומען אריין)

אסנת

זעט יוסף. וואס איז מיט דיא צווייא געגערבאלין
וואס זייא זיינען אזוי אונמוטהיג, בייאבזיך גיפאלין ?

יוסף

איך וועל צוא גיין צוא זייא, מאכין זייא מוהט
מיא מוז טרייסטין דעם צווייטין, ווען עס איז ניט גוט.

צוא תחרע אונ עזמות

וואס זיצט איר זא אונמוטהיג ? מיינע הערין !
פילייכט איז מעגליך, איר זאלט מיר ערקלערין.

עזמות

(מיט כעס)

וויא ערוואנסטו דיך, יונג ! צוא פרעגין ?
טויט שלאג איך אים, ווען איך האב דא מיין דעגין

יוסף

פערצייעט מיר , מיינע הערין
איך וויל עס אייך מיט גוואלד ניט בעשוועריז
גיווים בין איך אדינער , דאס זייט איר גירעכט
איך פרעג נאר , ווארום זעט איר אוים שלעכט ?
אמאל איז ריינע וואסער , אין אנידעריגין ברונען
אמאל קען מען אטרייסט , ביא אדינער אויך גיפינען

אסנת

אח נאט פון הימיל ! וויא קענסטו זיין אזוי-קאלט ?
קוק אראפ אהער , וואו יעקב׳ס קינד האלט !!

תהרע צוא יוספן

האסט פילייכט , דיא קענטניסע צוא צייטין
צו פאר שטיין טרוימען , וואס זייא בעדייטין

יוסף

נאט קען אויך אדינער , אשכל ערוועקין
וואס קיין חרטום , וועט דאס ניט ענדעקין

תהרע

היינט פאר טאג , טרוימט מיך אטרוים
אז איך שטייא , ביא אווייגשטאק בוים
דרייא צווייגין , גייען פון בוים ארוים
פאר מיר אין די אויגין , וואקסין קנאספין אוים
גלייך חייבין אן ווינאגראדין צוא בליען

און װערין שױן צײטיג , גאר אן שום בעמיהען
דעם קעניגס בעכער , האלט איך גאנץ פרײא
איך גיב אקוק — דער קעניג שטײט דער בײא
איך קװעץ אױס, דיא װײנטרױבין אין בעכער ארײן
און דער לאנג דעם קעניג , אבעכער װײן
דיא זעלבע מינוט , האב איך מיר אױף געװאכט
איך בין שטארק , פון דעם טרױם פאר טראכט
דרום בין איך אונמוטהיג , דיא גאנצע צײט
דען איך קען ניט װיסין, װאס דער טרױם בעדײט

יוסף

(נאך אײניגע מינוטין פױזע)

מיט דיא הילף פון גאט , בעקאם איך אװעג
דיא דרײא צװײגין , זײנען דרײא טעג
צײט דרײא טעג , קומט איר אפין פארינין שטאנד
און ערלאנגט דעם בעכער , דעם קעניג אין האנד
נאר איך װאלט אײך בעטין , פיל װײניג
מיך צוא דער מאנען , פאר דעם קעניג
און מיך פון דער תפיסה , מאכין לױז
דער קעניג קען מיר , פון פוטיפרם הױז
פוטיפר זעלבסט, װעט זאגין איצונד
אז איך בין אונשולדיג , איך האב קײן זינד

(דיא אלע תפוסים גײען געהענטער צוא)

אסנת

איך בין זעלבסט פוטיפר׳ס קינד

ווייס איך געוויס, אז ער האט קיין זינד
זיין אונגליק, האט אים נאך מצרים געפירט
שוין צעהען יאר, אז ער זיצט ארעסטירט
ער האט שוין פיל געליטין; אין זיינע יונגע יארין
דיינקט ניט, אז ער איז, אקנעכט פון געבארין
מיא האט אים געשטוילט, פון עברים לאנד
אה! דיא עלינדע שיף, גייט צוא שטראנד!

(זיא וויינט) (דיא תפוסים אלע בעדויערין אים)

תחרע

וועט דיין בעשיידונג, ארוים שיינען העל
אונ איך קום צוריק, אויף מיין פאריגע שטעל
דער מאן איך דיר, ביין קעניג אין הויז
אונ גלייך נוערסטו, פון געפיינקענעם לויז

עזמות

וועז דוא ביזט אזוי קלוג, דיינע גידאנקען אזוי הויך
קענסטו פילייכט בעשיידין, מיין טרוים אויך?

אסנת

(מיט אשמייכיל)

ער קען דא אגאנצער חרטום ווערין!

יוסף

וואס האט אייך געטרוימט?

עזמות

מיך טרוימט זיך אויך אגאנצין געשעפט אפ

דְרַייא קֶערְבּ , מִיט גִיבֶּעק , הַאלְט אִיךְ אויף מַיין קָאפּ
פוּן אויבִּין אַף דיא קֶערְבּ, פַאלִין אָן פֵייגֶעלַאךְ
אוּנ פִּיקִין אַלֶע מִיט זַייעֶרֶע שְׁנָאבֶּעלַאךְ
(יוֹסֵף שְׁווַייגְט)

עזמות

וָואס שְׁווַייגְסְטוּ ?

תחרע

רֵייד !

יוסף

זָאגְט מִיר צוּא , אויף אַייעֶר הֵין
אַז מִיר וֶועט דַאפָּאן , קֵיין בֵּייז גִישֶׁעהִן
(אלע) -
זָאג ! זָאג ! דיא בֶּעדַייטוּנְג קְלָאר
דִיךְ וֶועט נִיט קְרִימֶען אַהָאר

יוסף

דיא דְרַייא קֶערְבּ , אִיז דְרַייא טֶעג ,
נָאכִין עֶרְקְלֶערִין צַייט דְרַייא טֶעג . . . .

עזמות

זָאג !

יוסף

צַייט דְרַייא טֶעג וֶועט אִיר . . . . .

עזמות

זָאג ! זָאג ! !

יוסף

וֶועט אִיר גִיהַאנְגֶען וֶוערִין –
אוּנ דיא גִיבֶּעק אִיז אַבֶּעוַויין . . .

אז איר וועט זיין פאר פייגלאך אשפייז

עזמות

(מיט צארין)

וואלט איך איצט, גיהאט מיין שווערד

וואלט איך זיין קאפ, גישטירצט צו דער ערד!

יוסף

(צוא אלעמען)

אויף דרייא טעג, איך בעט אייך, לאזט מיר אפ

אויב פאלש וועט זיין, גיב איך מיין קאפ

(אלע לויפין צוא, אים שלאגין, אסנת שרייט פירכטערליך, חרנפר לויפט אריין)

חרנפר

וואס איז דא?

(אלע)

יא, יא, דרייא טעג מוז מען אים צייט געבין

וועט זיין ניט וואהר, פער שפילט ער זיין לעבין

אסנת

(צוא יוספן)

וועהע איז מיר! צוא וואס האט איר דאס גידארפט

אז יעדער אויף אייך, זיין דעגין שארפט?

(חרנפר נעמט יוספן ביין האנד, און גייט מיט אים ארויס, אסנת גייט אים נאך מיט שרעק)

חרנפר

קוּמְט לִיבֶּער פְּרֵיינְד, זֵייט נֶעבֶּין מִיר
די דְרֵייא טָעג, זֵייט אִין מַיין קְוַוארְטִיר

(דֶער פָּארְהַאנְג פַאלְט)

ענדע ניינטע סצענע
אונד אויך
דריטער אקט

פירטער אקט
צעהענטע סצענע

אִין צְוֵוייא יָאר אַרוּם

דֶער קֶענִיגְלִיכֶער זַאל

(דֶער קֶענִיג אַפִין שְׁטוּל, דִיא קֶענִיגִין בַּיין זֵייט, פִּיל גֶענֶעראַלִין שְׁטֵייעֶן אַרוּם, דִי וַואךְ בַּיין טִיר)

פרעה

תַּחְרֶע! הָאט דֶער עִבְרִי גְלֵייךְ דִיא בֶּעדַייטוּנְג גִיטְרָאפִין?

תחרע

גְלֵייךְ דְרֵייא טָעג זֵיינֶען קוּים פֶּער לָאפִין
קוּם אִיךְ אוֹיף מַיין שְׁטֶעל, דֶעם קֶענִיג בֶּעדִינֶען
אוּנ עֶר, הָאט זַיין אַרְט, אַפִין גַאלְגֶען גִיפוּנֶען

פרעה

פון דעם אלטין עברי, האב איך אויך גיהערט
אז ער איז גיוועזן, פיל אויף גיקלערט

הדורם (אאלטער גענעראל)

מען האט דער ציילט, וואס מיט אים האט פאשירט
וואס ער האט מיט פרעה דעם ערשטין גיפירט
אויך מיט אבימלך, דער קעניג פון גרר
אויך מיט נמרוד, מיט זיין גאנצין דור
זיין שטרייט מיט כדרלעומר, תדעל, אריוך, אמרפל
וויא ער בעזיגט זייא, מאכט זייא נידעריג שפל
צוא ליב זיינעם אפלימעניק, מיט דעם נאמען לויט
שטרייט ער מיט זייא, אונ האקט וויא אין קרויט
אונ קיין גרוישע מיליטער, וואר ביא אים דאן
נאר דרייא הונדערט, מיט אכצין מאן

פרעה

שטאמט דער עברי, פון דעם אברהמען ארוים
דאן מאך איך אים, גישטיגין, אונ גרוים

(עס עפינט זיך דיא טיר, מיא פירט
ארייון יוספן, יוסף בוקט זיך צוא דער ערד)

יוסף

גאט פון אברהם! וועלכער "אמת" איז דיין זיגיל,
באשיין דעם קעניג, אונטער דיינע פליגיל

פרעה

דער אלטער אברם , וואס וואר אמאל היר
איז ער עטוואס , פערוואנדעט מיט דיר ?

יוסף

מיין פאטערס עלטערגפאטער

פרעה (צוא דיא געגעראלין)

שוין לאנג אז אברם איז היר גיוועו ?

הדורם

צוויא הונדערטזעקס יאר אז דאס איז גישעהען

פרעה

יונגער עברי ! דיינע עלטערין ווארין אלע קלוגע לייט
פיליכט ווערט איר טרעפין , וואס מיין טרוים בעדייט

יוסף

אויסער מיר, דעם מענשינס פערשטאנד איז גאנץ ווייניג
גאט קען אנטווארטין , דיא פריד פון קעניג

פרעה

היינט פאר טאג , איך שלאף מיך שטיל
טרוימט מיך : אז איך שטייא , בייא דעם טייך גיהל
איך זעה פון טייך גייען, זיבין קיה ארויס
פעט אונ גיזונד , דיק אונ גרויס
אונ זייגען אפין לאנקע פער בליבין
באלד זייגן ארויס פון טייך נאך זיבין
דארע , קווארע , דיא ערגסטע אויף דער וועלט

און האבין זיך אויך , דארט אנידער גישטעלט
נאר דיא דארע האבין באלד דיא פעטע איין גישלונגען
אונ בלייבין דאר וויא פריער , אן גידערים , אן לונגען
איך האב מיך אויף גיוואכט , דעם אויגין בליק
ניט פיל דויערט , — אונ איך שלאף איין צוריק
עס שטעלט זיך מיר פאר , אז זיבין דיקע זאנגען
זיינען אלע פון איין ראהר , ארוים גיגאנגען
אונ באלד שפראצין , זיבין מאגערע זאנגען ארויס
פראסט הוילע הייטלאך , וואס דער ווינט שלאגט זייא אויס
אונ שלינגען איין דיא פעטע זאנגען
דעם בדייטונג דער פון , וואלט איך פער לאנגען
דיא חרטומים זיינען שוין דא ביא מיר גיוועזן
נאר קיין ריכטיגע בעדייטונג , האב איך פון זיי גיזעהן
איך הייס זיי ארויס שמייסין דורכין טיר
איך האב באלד גישיקט נאך דיר

יוסף

קעניגליכע מייסטעטין ! ביידע טרוימען זיינען נור איינע
דרום טרעפין זייא ניט , דיא בעדייטונג דיא ריינע
וואס גאט מאכט , ווייזט ער דעם קעניג אף פריער
דען דער טרוים איז ביא גאט , אלעם קוריער
ער ווייזט דעם קעניג , דען זיי זיינען אין שטאנד
פון הונגער פון נויט , צוא בעשיצין דאס לאנד
די קיה, די זאנגען, ביידע דיק אונ פעט
בעדייטעט אויף זיבין יאר זעט
דרום איז דער טרוים ה׳ גיוועזן בין מייך
דען ער בעפייכטעט די ערד, זעטיגט ארעם אונ רייך

דיא מאגערע קיה , דיא זאנגען דיא דארע
אויף זיבין יאר הונגער בעדייטעט דאס , קעניג פרעה !
זיבין יאר קומען אן , אזוי האט גאט גיבאטין
דיא פיה וועלין פעט זיין , דיא זאנגען גיראטין
נאך דעם קומט גלייך , זיבין יאר הונגער
דיא פיה וואס דארער , דיא זאנגען וואס גרינגער
אז עס וועט ניט קענטיג זיין ,אין לאנד צו זעהן
אז אמאל , איז אזעט גיוועז
דרום זיינען דאפיל ביידע טרוימען
צום בוויז אז גאט טוט עס גלייך בשטימען
יעצט מוז דער קעניג זוכין , אמענש מיט פערשטאנד
אז ער זאל תבואה קלייבין , פון דאס גאנצע לאנד
מאגאזינען מוז איבעראלל , גיסטראעט ווערין
פון דעם , דאס פאלק , פון הונגער צוא ערנערין
מיט אללערלייא מיטעלין , דיא גיטריידע צוא היטין
זאנסט ווערט מצרים , אין הונגער פערשניטין

פרעה

וואס זאגט איר מיינע הערין, אויף דעם יונגן מאן ?
איז דען אין מצרים זיין גלייכין פאראן ?

תחפנס (דיא קעניגין)

זיינע ווערטער וויא פעריל , גיוואוינין מיט וואג
וויא דיא זון שיינט , אין מיטין העלין טאג
איך דיינק ווער עס ברייננט מיר דעם בריף צריין
דער מוז זעלבסט , צוריק דער שליח זיין —

צוא יוסףן

װען נָאט פֿון הימל , גיט דיר דָאס צוא פֿער שטײן
הָאב איך קײן אַנדער פֿערװאַלטער , נָאר דיר אַלײן
גאַנץ מצרים , גיב איך איבער צוא דיר
פֿון יעצט אָן , ביזטו דער צװײטער פֿון מיר
אױסער מײן שטול , ביזטו דער אײנער
איבער דיר , זָאל ניט בעהערשן קײנער

(פַּרעה נעמט אַרָאפּ פֿון זײן האַנד דעם רינג)

פרעה (צום דינער)

דיא גָאלדענע קײט טרָאג אַרײן !

(דער דינער לױפֿט אונ טרָאגט אַרײן דיא קײט)

פרעה

קום געהעכטער אַבְרָמס זון ! אָט הָאסטו דעם רינג
פֿון הײנט אָן , ביזטו דער הערשער , אױף אַלס דינג
אונ די גָאלדענע קײט אױף דעם האַלז טרָאג
דָאס יעדער מוז פֿאָלגן , זײן פֿערזָאג
אױף מצרים אַהערשער , װעל איך דיר זעצן
איר מײנע הערן ! מוזט אים עהרן אונ שעצן

(דיא הערן אַלע נײגן זיך צוא יוסף ,
יוסף הײבט אױף דיא הענד צום הימל)

יוסף

נָאט פֿון אַבְרָהָם ! װיא גרױס דוא ביזט
הײבסט אױף אָרעמע , עלענדע פֿון מיסט

אונ שטייגט זיא אויף , ביז הימיל גרויס
אויף דיא עלענדע אסנת , קוק מיט חן
דיא צווייא קערפערין , זאלין צוא זאמען גיין
זאל זיא אויך גינעסין , פון מיין גליק איצונד
דען זיא איז דאך אויך , אברהמס אקינד

(דיא קעניגין אלס זיא האט איין גיהארכט זיין גיבעטע צו גאט)

תחפנס (דיא קעניגין)

ווער איז דיא אסנת ? איר האט אפרוי ?

יוסף

איך האב קיין פרוי , נאר אסנת וואר מיין פריינד דער בעסטער
זיא איז אטאכטער , פון מיין שוועסטער
פוטיפר האט איר ערצויגין ביז איצונד
אסנת רעכינט זיך , פער פוטיפר'ס אקינד
נאר ווען זליכה , ליגט אף איר טויטע בעט
האט זיא אסנת'ן , ענדעקט דעם סעקרעט
דאס זיא איז יעקבס אאייניקיל , פון כנען גיבארין
אונ זיא איז אלס פינדליג , ערצויגין גיווארין
אין פוטיפרס הויז , ווען איך בין אן גיקומען
האט אונז גאטעס האנד , ביידען צו זאמען גענומען
איך רוף איר פריינדין , אונ וויים ניט וויא אזוי
אונ זיא בעפייכטעט מיין הארץ , וויא פון הימיל דר טוי
אה גאט ! די פער וועלקטע בלום , זאלסטו ערפרישין
זאל זיא מיט מיר גלייך , דיין הילפע גיניסין

תחפנס (דיא קעניגין)

ברייננט אהער אסנת אונ פוטיפרין אין מיין קאראט

(צוא דיא דינער)

זעט יוסף ! איך ערפיל אייער געבעטע צוא נאמ

(דיא דינער לויפין ארוים)

פרעה (צוא דיא דינער)

פירט דעם יונגין הערין, אריין דא אין חדר

ציט אים אן וויצע קעניגעע קליידער

(דיא דינער פירין יוסף'ן מיט עהרע ארוים)

(דיא קעניגין)

אין אסנת, מיט יוסף'ן, אין דיא צוויא אברהמס קינדער

זעט מען איינס פון דיא גרויסע גאטעס וואונדער

פרעה

וויא זייערע הערצער, איז געבונדין געוועזן

ימ וויסינדיג אליין, פאר וואס פאר וועגן

(דיא קעניגין)

דא אין זאל, וועל איך דיא פארטייא שליסין

זאלין אברהמ'ס צווייא איניקלאך, נחת גינסין

(דיא מוזיק קומען אריין, פאנגין אן צוא שפילין, אין צעהען מינוט ארום קומט אריין פוטיפר, פירט אסנת'ן פארין האנד).

פרעה צוא פוטיפר

דוא האסט אסנת'ן אלס קינד ערצויגין

טוה זע איצט נחת, מיט דיינע אויגין

(פוטיפר קניט זיך פארין קעניג, דיא דינער פירין יוסף'ן אריין, גיקליידעט זייער רייך, פוטיפר ווערט ערשטוינט)

(תחפנס דיא קעניגין , צוא אסנת

אסנת ! פער לאנגסט צוא הייראטין , פער דיזען הערין ?
ער איז צווייטע קעניג , מוז איך דיר ערקלערין !

(אסנת פאלט דיא קעניגין צוא דיא פים)

אסנת

קעניגליכע מייסטעטין ! זאלין דיא קערפערין זיין גיקניפט
וואס זייערע זעלין , זייגען שוין פון לאנג גיליבט !!!

(דער קעניג זעלבסט גייט פון זיין שטול אראפ ,
נעמט אסנת'ן פאר איין האנד , יוספ'ן פער
דיא צווייטע , בינדעט זייא צוא זאמען)

פרעה

גאט זאל דעם בונד , אויף עוויג בינדין
זעליקייט , אונ גנאדע , זאלט איר ביי אים פינדין

תחפנס (דיא קעניגין)

אייער לעבין זאל זיין זיס , אונ בערוהט
ליבט זיך עוויג , וויא דיא יעצטיגע מינוט

אסנת

אה גאט ! ! אין דעם אויגין בליק
זע איך מיין טרוים , פון צוועלף יאר צוריק
דער ליב האט מיר , אף זיך אויף גיהויבין
אונ אריין מיט מיר ,אין שטייג פון די ליבין !

פרעה צוא פוטיפרן

קיין שעכט מייסטער , ביזטו מער שוין

גָאר אַאויבֶּער פְּריסְטֶער , בַּייא דיא קִירְכֶע אִין !

צוא יוספן

וַויל אַלֶע גֶיהַיימְנִיסֶע , אִיז פַאר אַייךְ אָפִין
דרום זָאל מֶען אַייךְ "צָפְנַת פַּעְנֵחַ" רופין

(דיא זִינְגֶער)

1.

פְּרַייא דיך מִצְרַיִם לַאנְד
יוסֵף פִירְט דיך פַארִין האַנְ
אַבְרָהָמְ'ס קִינְדֶער , וֶוערִין אֵיינִיג
דֶער פֶערְבִּינְדֶער זִינְד דֶער קֶעניג

(דֶער קָאהר מִיט דיא מוּזִיק)

זִינְגְט אונ לויבְּט , דֶעם גְרויסִין גָאט
וָואס זַיינֶע וואוּנְדֶער , בֶּעווייזִין הָאט

2.

(דיא זִינְגֶער)

דיא חַרְטוּמִים , מוּזִין גְרַייזִין
גָאר יוסֵף מוּז דיא וָואַרְהַייט וַוייזִין
דַאן וַואר יוסֵף , דֶער גְרויס מִינִיסְטֶער
אונ פוּטִיפֶר דֶער אויבֶּער פְּרִיסְטֶער

(דֶער קָאהר מִיט דיא מוּזִיק)

זִינְגְט אונ לויבְּט , דֶעם גְרויסִין גָאט
וָואס זַיינֶע וואוּנְדֶער , בֶּעווייזִין הָאט

3.

(דיא זינגער)

קוק אַבְרָהָם , דוּא הֵיילִיגֶע זֶועלֶע !
בֶּעגְשׁ דיא קִינְדֶער , פוּן דַיין קְוֶועלֶע
גִיבּ זֵייא נַחַת פַאר דֶעם צַעַר
לֶעבְּט אין פְרִידִין , יוּנְגֶע פַּאר

(אַלֶע)

לֶעבְּט אין פְרִידִין , יוּנְגֶע פַּאר , אוּרַא !!!

ענדע צעהענטע סצענע
אונד אויך
פירטער אקט

פינפטער אקט
עלפטע סצענע

(אין גַיין יָאר אַרוּם)

יוֹסֵפְ'ס פְּרִיָאם זַאל

(יוֹסֵף , אָסְנַת , מְנַשֶׁה . אַלְט אַכְט
יָאר , אֶפְרַיִם , אַלְט זֶעקְס יָאר)

אסנת

וויא איז דאס פארט צוא גיגאנגען ?

יוסף

איך האב דאך דיר , שוין לאנג ערקלערט
אז צייט דער הונגער , איז גישטערקט
אונ אין כנען , איז נאך צעהען מאל מער
האב איך גלייך גיוואוסט , זייא מוזין קומען אהער
דרום האב איך גילאזט אוים רופין
אז ווער עס וויל אין מצרים תבואה קויפין
מוז קומען אליין , ניט שיקין קיין קנעכט
אויף צווייא אייזלען איינער , האט אויך קיין רעכט
אונ מיט תבואה טאר קיינער , קיין האנדיל טרייבין
אונ איטליכער מוז ביים טויער , זיין נאמען פאר שרייבין
מיט אמאל , אייער נעכטין בייא נאכט
האט מען מיר , דעם רייסטער גיבראכט
דיא נעמען פון מיינע ברידער , האב איך דארט בעטראכט
גלייך פאר-זאג איך , אלע שפייכערין זאל ווערין פאר מאכט
אויסער איינעם , זאל מען לאזין אפין
דרייא טעג אבער , איז שוין פאר לאפין
אונ זיינען צום שפייכער , נאך ניט גיקומען
דער רייסטער ווייזט פארט , זייערע נעמען
דרום שיק איך היינט , אין דער פאליצייא
מיא זאל לויפין אין דיא גאסין , אויף זעבין זייא

מכירת יוסף

אסנת

נוּא וויא דיינְקְסטוּ יוֹסֵף מַיין לֶעבּין !
ווילְסְט זיך צוּא זַייא , צוּא עֶרְקֶענֶען גֶעבִּין ?

יוסף

נֵיין , פְרִיעֶר וויל אִיך דֶער גֵיין , מִיט גִידוּלְד
וֶוער עֶס הָאט אִין מַיין פֶערְקוֹיפִין אַשוּלְד
צִיא מַיין פָּאטֶער זֶעלְבְּסְט , וַוייל אִיך הָאבּ זַיין עֶהְרֶע בֶּערִירְט
דוּרְך מַיינֶע טְרוֹימֶען , וָואס אִיך הָאבּ אוֹיף אִים רֶעגִירְט
כְּכֵן שִׁיקְט עֶר מִיך צוּא זַייא , אִיך זָאל וֶוערִין שְׁטְרַאפִירְט
דֶען זַיין הַאנְד הָאט נָאך גִימַאלְס , קֵיין מֶענְשִׁין אִיבֶּער גִיפִירְט
אָדֶער דִיא בְּרִידֶער אַליין , וָואס פְלֶעגִין שְׁטֶענְדִיג אַף מִיר לוֹיעֶרִין
הָאבִּין מִיר זֶעלְבְּסְט פֶערְקוֹיפְט , אוּנ דֶער פָּאטֶער מוּז טְרוֹיעֶרִין
יֶעצְט אַז זַייא קוּמֶען זֶעלְבְּסְט , צוּא מִיר אִין הַאנְד
וֶועל אִיך עֶס זֶעהֶען צוּא דֶער גֵיין מִיט פַּאר שְׁטַאנְד
אוּנ וֶועל מִיט זַייא אָן צִיהֶען , זַייטִיגֶע אִינְטֶערֶעסִין
כְּדֵי אִיך זָאל קֶענֶען דֶעם אֶמֶת אוֹיס פְּרֶעסִין
דַאן וֶועל אִיך שׁוֹין זֶעהֶען צוּא דֶער גֵיין
צִיא זֵיי הָאבִּין מִיר פֶער קוֹיפְט,צוּ דֶער פָּאטֶער אַליין
אוּנ דְרוּם הָאבּ אִיך בִּיז יֶעצְט , צוּם פָּאטֶער נִיט גִישְׁרִיבִּין
דֶען אִיך בִּין פוּן אִים זֶעלְבְּסְט , מִיט הַאס פֶערְטְרִיבִּין

צוּא מנשה'ן

קוּם אַהֶער מְנַשֶּׁה ! מַיין יוּנְגֶעס קִינְד
דִיא שְׁטֶעלֶע פוּן אַאַדְוָואקַאט , וֶועסְטוּ בֶּעטְרֶעטִין אִיצוּנְד
אִיך וֶועל מִיך מַאכִין , דָאס אִיך פֶערְשְׁטֵייא קֵיין הֶעבְּרֵייעֶשׁ
וועסטו

וועסטו מיר אין עגיפטעס, איבער זעצין זייערע דעות

(עס הערט זיך טריט פון מענטשין מיט גיוועהר)

יוסף צוא אסנת

אכנת לעבין! דיין צארטעס גיפיהל, פער טראגט קיין שמארץ
גייא דיר אריין אין זאל, איך מוז מיר מאכין הארץ

(אסנת בלייבט דאך שטיין, עס קומען אריין דיא
צעהן זין פון יעקב פער וואכט ארום, די פאליציאנטין
מיט צווייא בעאמטע בלייבין שטיין פון דער זייט,
דיא ברידער נייגין זיך אלע צוא דער ערד)

יוסף צוא אסנת

(אין דער שטיל)

דעם טרוים פון דיא גארבין, זעה איך דא פאר גישטעלט

אסנת

אבער דער עלטפטער — בנימין פעלט —

יוסף (הויך)

נאך וואס קומט איר? פון וואנען זייט איר גיבארין?

(מנשה זעצט איבער אין העברייעש)

דיא ברידער

מיר קומען פון כנען, צהער קויפין קארין

יוסף

אז איר קומט אין מצרים קארין קויפין

וואס לויפט איהר אין דיא הינטער גאסין צוא לויפין ?
שוין דריטין טאג , אז איר זייט דא
איך פרעג אין מאגאזין , זייט איר ניטא
אונ יעצט קומט איר אויך ניט , אליין אהער
איך מוז נאך אייך שיקין , חיל מיט געווער
אן אייער גיזוכט איז לייכט צוא דער קענען
אז איר ברויכט קיין קארין , איר זייט נאר שפיאנען
אבער אייער ראמה , גילט אייך ניט
איר האט אייך נעבאך אומזאנסט בעמיהט

יהודה

הערר וויצע קעניג ! איר אירט אייך אין זעהען
אייניקלאך פון אברהם העברי, זיינען נימאלס קיין שפיאנען גיוועזן
מיר זיינען אלע , פון איין פאטער גיבארין
וואלטין מיר זיין שפיאנען, טוה וויא לאזט ער אונז פארין
אויף דעם איין קינד וואס פעלט אים , קלאגט ער אן רחמנות
וועט ער נאך שטעלין צעהען קינדער אין סכנות ?

יוסף צוא עבדון

ווייז פון דיא טויערין דיא צעטלאך
לייען דא איבער דיא בלעטלאך
(עבדון האלט אבלאט אגרויסע פון
אבוים וועלכע עס נענט זיך פאפירוס, דאס
גילט אין יענע צייטין צום שרייבין) .

עבדון (לייענט)
ראובן דורך דעם טויער
שמעון דורך דעם צווייטין

לוי דורך דעם דריטין
יהודה דורך דעם פערטין

יוסף

גינוג! ווען אין מצרים דיא מויערין
וואלט זיין צוואנציג טויערין
נוא, פרעג איך אייך אן
וויא וואלט איר דאמאלס גיטאן?
צעהען ברידער גייען קויפין קארין
פלוצלונג זיינען זיי צו שפרייט גיווארין
אלע דורך פער שיידענע טויערין
אונ דרייא טעג טוט נאך דויערין
ביז איך מוז זייא שיקען זוכען
איז דאס דען ניט אף שפיאנעריא א צייכען?!

יהודה

הער וויצע קעניג! מיר האבין קיין מלוכה צוא פירין
וואס לוינט אונז צוא קומען, מצרים צוא שפיאנירין?
מיר זיינען צוועלף ברידער, איינער איז צוא הויז גיבליבין
איינער איז ניטא — וואס דער פאטער פלעגט אים ליבין
מיר האבין גיוויידעט די שאף, שוין היינט צוויי אונ צוואנציג יאר
דער פאטער שיקט אים, אונז ווערין גיוואר
איז ער אויף דעם וועג, פער פאלין גיווארין
נאר אראבער זיינען דארטין פער בייא גיפארין
פירין גיווירין, קיין מצרים צוא קומען
קלערין מיר, פיליכט האבין זיי אים פערנומען
דרום זיינען מיר אריין - אין בעזונדערע טויערין

מִיר זָאלְין דָארְטִין , אוּנְזֶער בְּרוּדֶער לוֹיעֶרְין
מִיר הָאבִּין אִים אוֹיךְ אִ'ין דִיא גַאסִין גִיזוּכְט
פִילַייכְט גִיפִינֶען מִיר אִים , הָאט זִיךְ אוּנְז גְדוּכְט

יוֹסֵף (צוּא דִיא הֶערִין)

אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ מַיינֶע הֶערִין ! גֶענֶערַאלִין !
ווִיא וָוערְט עֶס פָּארְט אַבְּרוּדֶער פֶערְפַאלִין ?

(צוּא דִיא בְּרִידֶער)

וָואס אִיז גְרָאד מִצְרַיִם , צוּ אַלֶע פּוּרְעָנִיּוֹת מוּכָן
וָואס גְרַאד אַהֶער , קוּמְט אִיר אִים זוּכִין ?

(צוּא דִיא וַואךְ)

פִירְט זַייא דָא אַרַיין אִין צְוַוייטִין צִימֶער
(דִיא פָּאלִיצִיַאנְטִין פִירִין דִיא בְּרִידֶער אַרוֹיס , יוֹסֵף
וִוינְקְט צוּ דִיא אַדְיוּטַאנְטִין זַייא זָאלִין אוֹיךְ אַרוֹיס גֵיין)

אסנת

מִיךְ ווּאוּנְדֶערְט זֵייעֶר , אוֹיף דִיר מִיט דַיין שְׁטְרֵייט
דֶער זֶעסְט דַיינֶע בְּרִידֶער קוּמֶען פוּן ווַייט
אוּנ הָאסְט זַייא נִיט גִיזֶעהֶען זָא אַלַאנְגֶע צַייט
פְּלוּצְלוּנְג הָאסְטוּ דַיין רַחֲמָנוֹת פַאר שְׁפֵּארְט
מַאכְסְט זַייא בִּלְבּוּלִים , רֶעדְסְט אַזוֹי הַארְט ?
אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט גִיקֶענְט , פוּן טְרֶערִין אַיין הַאלְטִין
וֶוען זַייא הָאבִּין דֶער מָאנְט , דַיין טַאטִין דֶעם אַלְטִין
אָה יוֹסֵף ! דַיין חַארַאקְטֶער וִויא זִיס וִויא גוּט
אָבֶּער וִויא פִירְכְטֶערְלִיךְ , בַּייא דַיין שְׁטְרֵיינְגֶען מוּט
אה

אך ! דיין הערשאפט , וויא גוט דוא קענסט
דוא ביזט ווי אפלאם , דו וואַרעמסט אונ ברענסט —
איך ווייס ניט , וויא קען מען זא פיל , טרערין צווינגען
דאס הארץ איז מיר שיר ארויס גישפרונגען
אך וואס פאר אהעלדין וואס פאר אפארשוינען
אך ! ווען זייא וואלטין אין מצרים וואוגען
וויא גליקליך וואלט איך גיוועזן
מיין מוטער מיט דיא אויגין צו זעהען

(אסנת אונ יוסף וויינען ביטערליך)

יוסף

זייא רוהיג אסנת ! ווים אפ דיינע טרערין
מען מוז דיא זאך , אף ריכטיג ערקלערין
איך לאז זייא נאך פירין , אין תפיסה מיט דיא וואך
כדי צוא מאכין זייא שטריינגער דיא זאך
דאך וועל איך נאר פער האלטין , שמעונ'ן אליין
אלעמען וועל איך היישין אהיים גיין
איך וועל נאך היישין בנימינ'ן , טראנספאטירין
פון אים וועל איך דיא ריינע ווארהייט אוים פירין
דען זיין פערקויפין , וואר ער ניט דער ביא
וועט ער זיך ניט פירכטין, צו זאגין דעם אמת פריי
עס וועל איך ענדעקין , דאס איך בין יוסף אליין
ער וועט מיר זאגין , צי דער פאטער וויים , ציא גיין
דען פון דיא ברידער , איז קיין סברה ניט צוא ענדעקין
נור וויל עס זיין אייגענעם נאמען פערפלעקין ?
איצט וועל איך היישין ברינגען מיין ברודער בנימין

און מיין הארץ צוא נייט מיר , ווען איך דער מאן זיין נאמען
מיין ברודער פון איין מוטער , מיין לייב מיין אבער
גייענדיק קיין מצרים , בעזוך איך נאך דיא מאמעס קבר
דיא ווערטער וואס איך האב פון איר קבר גיהערט
ווען איך בין גילעגין , אין אונמאכט אף דער ערד
קומען מיר יעצט פער דיא אויגין פאר
אונ איר הבטחה , זע איך איצט קלאר
מי פירט — זאגט זיא — דיא קאלב אליין
וועט שוין דיא מוטער , ממילא נאך גיין
אה הייליגער פאטער ! דיין שיין , דיין ליכט !
וויא דער לעב איך , צוא זעהען דיין גיזיכט
אבער אהנע צייט , איז קיין צייט
אהערשער , מוז פירין מיט גידולדיקייט
אהנע גידולד , מוז דער חכם אויך גריינין
גאר דיא גידולד , מוז דיא וואהרהייט ווייזין

אסנת

וועסט נעמען ביי זיא , פער דיא תבואה גיצאלט ?

יוסף

חלילה , איידער זיא פארין אוועק
חיים איך די געלט , לייגין אין זייערע זעק

צוא מנשה׳ן

רוף זיא ארייין ,

(דיא ברידער קומען ארייין

צוא

(צוא דיא ברידער)

איך האב מיך בעראטהען, מיט מיינע מיניסטארין
דאס איינער זאל פון איך, צוא הויז פארין
אונ אייער איננסטין ברודער, ברייננט אהער
צוא פראבירין, וואס מיט איך איז דער מער
דער וויל עברים מוזט איר זיצין פערוואכט
ביז אייער ברודער, ווער ווערין גיבראכט
אויב ביא שטיין ביא דיא פראבע, וועט ער ניט קענען
שווער איך ביין קעניג, דאס איר זייט שפיאנען

(דיא פאליציאנטין פירין זייא פון שטוב ארויס,
אסנת ברעכט דיא הענד, יוסף פערשטעלט דאס
גיזיכט אונ וויינט, דער פארהאנג פאלט)

ענדע עלפטע סצענע

אונד אויך

פינפטער אקט

זעקסטער אקט

צוועלפטע סצענע

אין פיר מאנאטין ארום

דער פריאם זאל

(עס עפינט זיך דיא טיר, עס קומען אריין

אלע ברידער פון יוסף , בנימין אויך אונטער זיי ,
קוקן זיך ארום אז קיינער איז ניטא ,

יהודה

עס איז גיט אומזאנסט
וואס ער לאזט אונז, צוא זיך אהיים פירין
מיר האבין שוין גיטאן , וואס ער האט גילוסט
בנימינן אויך גיבראכט צוא טראנספאטירין
איידער דער פאטער, האט מיר אים גיטרויט
איז אונז אן גיקומען שווער , גלייך מיטין טויט
דעם היסין קומען אין הויז , איז אגרויסע ראיה
אז ער זוכט שוין אף אונז , בלבולים נייע
גיוויס פער דיא געלט , וועלכע מיר גיפינען אין דיא פעק
וואס ער הייסט עס מיט פליים , צוריק לייגין אין דיא זעק
הכלל ברידער ! מיר האלטין שלעכט !
מיר בלייבין אין מצרים , אף אייביג קנעכט

ראובן

אז יוסף איז דורך אונז , אין מצרים אקנעכט
איז דאס אפנים , בייא אייך רעכט ?
אונ וויא עס קומט צוא אונז, איז שוין ניט גוט
יוסף איז פון אייזין , מיר פון פלייש אונ בלוט
ליבערסט וואלט איר דאמאלס , פיהלן זיינע שמערצין
וויא אים איז נעבאך גיוועז אפין הערצין
ניין ברידער ! איר זאלט נאר גיט דאגין
יוסף'ס בלוט , וועט גיוויס גיט שווייגין

יששכר

וע ברודער, וויא דוא רעדסט וויא אקינד
צי פער אונזערע קערפר, זארגין מיר איצונד?
מיר האבין דאך צו הויז, אפאטער מיט אגיזינד
זייא נעבאך בלייבען, וויא מעקענע אויפין ווינד
ווען מי זאל אונז איצט, קיין תבואה ניט געבין
אין אחודש ארום, פון וואנען וועלין מיר לעבין?
שלעכט ברידער...... שא... מי גייט....

(סלוא קומט אריין)

סלוא

וואס גייט איר ניט אין זאל, וואס שטייט איר פון פארינט?
וואס זייט איר אזוי, פער קימערט, פער צארינט?

יהודה

איך בעט איך ליבער הער!
וואס איז מיט אונז דער מער?
דעם ערשטין מאל וויא מיר האבין דיא קארין גינומען
אונ מיר זיינען אונטער וועגינס, אין אקרעצעם גיקומען
מיר האפין זיך צוא אונזערע זעק
דיא געלט מיטין וואג, ליגט אין דיא פעק
יעצט ברייגגען מיר, דיא געלטין ביידע
פאר יענע, אונ פאר פרישע גיטריידע
מיר ווייסין זיכער ניט, וואס קען דאס זיין
ווער לייגט אונז דיא געלט, אין דיא פעק אריין?

סלוא

פירכטעט ניט פריינד! פון גאט איז עס גיוועזן

עס וועט איך חלילה, קיין בייז גישעהען
גאט גיט זיינע קנעכט, וועלכע אים דינען
זייא זאלין געלט, בייא זיך אין דיא פעק גיפינען
אייער ברודער איז שוין אויך לויז
גלייך קומט ער, אהער אין הויז
איר זייט היינט גילאדין, בייא מיין הערין צום טיש
זארגט ניט, לוסטיג זייט, מונטער אונ פריש
אט האט איר וואסער, וואשט ארום דיא פיס
אייערע איינזלן שטייען אונטן ? אוי ארחמנות אף זיי
איך היים זייא שוין דער לאנגען הייא

(סלוא גייט ארוים)

יהודה

וואס זאגט איר אפין אדיוטאנט ? וויא פריינדליך, וויא פיין
הלואי דער וויצע קעניג, זאל ניט ערגער זיין

יששכר

זאל שוין גאט געבין, פאר אונזער צער
מיר זאלין שוין האבין נחת דער פאר

(שמעון קומט אריין)

(אלע)

גאט העלף דיר ! וואס מאכסטו ברודער ?
גילויבט איז גאט, אז מיא זעט זיך ווידער

שמעון

אז אלע תפוסים, וואלט גיוועזן וויא מיר

וואלטען זיא מיט פלייס גנבנען, צוא זיצען אין מיין קוואַרטיר

זבולון (צוא דיא ברידער)

זיין גיזיכט ברידער! זעט
קיין ביין אוינ, וויא דיק וויא פעט

שמעון

איר קלערט בודאי, אויף דאס גיוויסע
אז איך האב תעניתים, גיפאסט אין תפיסה?
וואלט איר נאר זעהען, וואס פאר אקעסט
מיא האט מיר גיטראגין, עסין פון דאס בעסט
וואלט איר זיך פאר זאמט נאך אפאר וואכין
וואלט איך שוין פון מיר ניט ארויס גיקראכין

ענדע צוועלפטע סצענע

דרייצענטע סצענע

(דער גאסט זאל פון יוסף)

(דריא טישין גיגרייט צום עסין, איינינע אדיוטאנטין גייען ארום איבערין זאל, ריידין צוא וויסין זיך, איינינע חרטומים זיצין אף שטולין, יוסף גייט אריין, זיין קנעכט נאך אים)

יוסף צוא עברון

רוף אריין דיא עברים!

(עבדון נייט ארויס , דיא ברידער קומען אריין ,
נייגען זיך צוא דער ערד . יהודה טראגט אין
האנד אקארב מיט אלערלייא פרוכט פון
כנען , אין דיא צווייטע האנד אבריף)

יוסף

וואס מאכט איר עברים ? אייער פאטער וואס מאכט ?
האט איר אייער אינגערין ברודער גיבראכט ?
(בנימין גייט צוא , נייגט זיך צוא יוסף'ן)

יוסף

אט דאס איז אייער ברודער לעבין ?

צוא בנימין

גאט זאל דיר גנאדע געבין !

(יהודה דער לאנגט יוסף'ן דיא קארב מיט דעם בריף)

יהודה

אונזער אלטער פאטער שיקט עס דעם הער וויצע קעניג אליין
געמט עס אן מיט חן , וויא אויך זיא איז קליין

(יוסף נעמט עס צוא מיט דעם בריף , דיא קארב
גיט ער דעם קנעכט , ער עפינט דעם בריף אונ
לייענט יפון מיר יעקב בן יצחק בן אברהם
העברי» ..... יוסף ערקענט דעם פאטערס
האנד , ער קען זיך גיט איין האלטין פון גיוויין)

יוסף

גאנץ רעכט , דיער שיין !

יוסף

גליך קום איך אריין!

(ער גייט אוועק אין זיין גאבינעט, דיא דיגער ענדיגין גרייטין צום טיש, אין איינינע מינוטין ארום קומט יוסף אריין)

יוסף.

נוא, ווארום זעצט איר אייך ניכט ביין טיש?

(דיא אלע אדיוטאנטין אונ דיא חרטומים זעצין זיך אף אבעזונדער טיש, אויף איין טיש זעצט זיך, אסנת, יוסף, מנשה, אפרים)

יוסף

ווארום זעצט איר אייך ניט? עברים!

(יוסף גייט צו, אונ זעצט דיא ברידער אויף דעם דריטין טיש, יעדערין נאך זיין עלטער, דיא ברידער וואונדערין זיך זייער, יוסף זעצט זיך געבין אסנת, זייא עסין, נאך דעם עסין ווערט דער לאנגט ווין, מיא גיסט אן אין בעכער, דער דינער דער לאנגט דיא עברים אטאץ מיט עלף בעכער ווין)

יוסף

טרינקט, עברים!

יששכר

שוין צווייא אונ צוואנציג יאר, ווען די גישיכטע זיין אז מיר היטין זיך, צוא טרינקען ווין

גיוויס

יוסף

גְיוּוִיס צוּא לִיבּ אַייעֶר פַאר לָארֶענֶעם בְּרוּדֶער
זָארְגְט נִיט , גָאט וֶועט אַייךְ אִים וַוייזֶען ווִידֶער

ראובן

גָאט וַוייס , וֶוען דָאס וֶועט אַמָאל זַיין
דֶער וַוייל , גֵייט נֶעבַּאךְ דֶער פָאטֶער אַיין

יוסף

וֶוען גָאט ווִיל, אִיז הַיינְט אֶדֶער מָארְגִין
טְרִינְקְט עִבְרִים ! גִינוּג שׁוֹין זָארְגִין
(זַייא טְרִינְקֶען אַלֶע ,עֶס וֶוערְט דֶער לַאנְגְם
נָאךְ עֶלְף בֶּעכֶער וַויין , אַלֶע טְרִינְקֶען פַאר
גִיזוּנְד , יוֹסֵף הַאלְט דֶעם בֶּעכֶער אִין הַאנְד)

יוסף

נוּא , פַאר גִיזוּנְד אַייעֶר אַלְטִין פָאטֶער !
(דִיא בְּרִידֶער מִיט דִיא בֶּעכֶער אִין הַאנְד)

(דִיא בְּרִידֶער)

פַאר גִיזוּנְד דֶעם קֶענִיג פוּן מִצְרַיִם
פַאר גִיזוּנְד דֶעם הֶערר וִויצֶע קֶענִיג
פַאר גִיזוּנְד דִיא קֶענִיגְלִיכֶע מַאדַאם
פַאר גִיזוּנְד זַייעֶרֶע קֶענִיגְלִיכֶע קִינְדֶער

(אָסְנַת מִיטִין בֶּעכֶער אִין הַאנְד)

אסנת

אִיר הָאט צוּא הוֹיז , שְׁוֶועסְטֶער אוֹיךְ ?

(דיא ברידער)

איינע גאר

אסנת

יוא , פאר גיזונד אייער שוועסטער !

(אלע טרינקען)

יוסף (צוא דיא חרטומים אונ אדיוטאנטין)

פון אברם דעם עברי , האט איר דאך גיהערט פון ווייט
זיינע איינקלאך , זיינען דיזע לייט

בקבקר (אחרטום)

אה מי דער מאנט אים אומעטום ענציקלעטערהייט
שוין לאנג , ליבסטע פריינד ! אז אברם איז טויט ?

(דיא ברידער)

שוין הונדערט מיט פופצין יאר

(דער חרטום)

איך וואלט עס וועלין , פער שטיין אויף קלאר
זיין סיסטעם מיטין גלויבין , צוא ווערין גיוואר

יששכר

יעדער זאך אף דער וועלט אז מיר קוקין אי
שטימט עס צוא זאמען אגאנצע הארמאני
וועון פון דיא אלע , וואלט איינע גיפעלט
וואלט איין מינוט , ניט איין שטיין דיא וועלט
דיא זון שטימט , מיט וואסער , ווינד , אונ ערד

אוּנ אַזוֹי יֶעדֶער זַאךְ , פּוּנְקְט פֶערְקֶערְט
דָאס אַלֵיין אִיז גִינוּג אַבֶּעוַוייז אַסִימָן
וִויא בַּאלְד דִיא אַלֶע , מוּזִין צוּ זַאמֶען שְׁטִימֶען
אַז אֵיין גָאט , דִיא וָועלְט פִּירְט , אוּנ רֶעגִירְט
וֶוען נִיט וָואלְט דָאס אַלֶעם , צוּ זַאמֶען נִיט גִיהַאמָאנִירְט —
עֶר גִיט דֶעם קְרַאפְט , אִין יֶעדֶער זַאךְ בֶּעזוּנְדֶער
זַייא זָאלִין עֶרְפִילִין נָאטֶעס וואוּנְדֶער
אוּנ וִויא עֶר הָאט זַייא פוּן אָנְפַאנְג גִישְׁטֶעלְט
הִיטִין זַייא דֶעם גַאנְג , נָאךְ אֵיינְס נִיט גֶעפֶעלְט
דִיא זוּן הֵייסְט עֶר לַייכְטִין , זִיא לַייכְט
דֶעם רֶעגִין , פֵייכְטִין ! עֶר פֵייכְט
דֶעם בּוֹים הֵייסְט עֶר בְּלִיעֶן , עֶר בְּלִיט
דִיא פוֹיגִיל הֵייסְט עֶר פְלִיעֶן , זִיא פְלִיט
דֶעם וִוינְד הֵייסְט עֶר וֵוייעֶן , עֶר וֵוייט
דֶעם טַייךְ הֵייסְט עֶר גֵיין , עֶר גֵייט
דְרוּם שְׁרַייט מַיין זֵיידֶע אַף דִיא פֶער שְׁטָאפְּטֶע מוֹחוֹת
וָואס פֶערְגֶעטֶערִין דִיא שְׁלוּהִים , דִינֶען צוּא דִיא כּוֹחוֹת
דֶעם קְרַאפְט , דִי נַאטִירְלִיכְקַייט , וָואס יֶעדֶער זַאךְ הָאט
דֶער צוּא דִינֶען זַייא , דָאס רוּפִין זַייא «גָאט»
אוּנ פַאר שְׁטֵייעֶן נִיט , אַז דָאס זַיינֶען נָאר קְנֶעכְט
אָן גָאט קֶענֶען זַייא נִיט טָאן , נִיט גוּט , נִיט שְׁלֶעכְט
אוּנ דִי מֶענְשִׁין פֶער קוּקִין זִיךְ , אַף דִי בֶּעשֶׁעפֶע וִויא שֵׁיין
אוּנ פֶער גֶעסִין דֶער וַוייל , אָן בֶּעשֶׁעפֶער אַלֵיין
מִי זֶעט נִיט אִין הִימִיל , אַזוֹי פִיל שְׁטֶערִין בַּייא נַאכְט
וִויא פִיל גֶעטֶער , זַייא הָאבִּין שׁוֹין אוֹיס גִיטְרַאכְט
אוּנ הָאבִּין קַיין גִידַאנְק , צוּא פֶערְשְׁטֵיין מִיט אַזִין

אז אלע רעדלאך, דרייט איין מאשין
פון איין קראפט, מוזין אלע רעדלאך גיין
אונ דיא איין סבה, דאס איז גאט אליין
ער פער לאנגט קיין מענשין, פאר קרבנות
נאר איינער אפין צווייטין, זאל האבין רחמנות
אט דאס האט אברם, מיט זיין שכל גיזעהען
דער נאך איז אים זיין גאט צוא הילף גיוועהן
אלע גיהיימניסע, האט ער אים ענדעקט
אלע פערבארגענהייט, האט ער אים אנטפלעקט
אונ מיר ניינען פון אים, דער פערטער דור
וואס מיר לערנען זיין גלויבין קלאר

יוסף (צוא דיא חרטומים)

וואס זאגט איר אייער מיינונג אויף דעם איבעראל?

(דיא חרטומים)

דער גלויבין איז גישעפט, פון אפילאזאפישען קוואל

ישׂשכר

איין ספר איז פון מיין זיידין גיבליבין
וועלכער איז מיט גרויס פערשטאנד גישריבין
פון אלע גיהיימנישע, פון דעם גלויבין
פון דיא גאנצע בעשעפע, פון אונטין ביז אויבין
איבערהויפט גיפינט מען דארט צוא לעזין
דאס גאט איז ניט קיין קערפערליכער וועזין
ער האט ניט קיין גוף, וואס אים דער האלט
קיין אדערין קיין גלידער. אויך קיין גישטאלט

קיין ברייט, קיין הויך, קיין מאס, קיין ארט
אונ איז פול אומעטום, דא אונ דארט
עס איז ניטא קיין ארט, אין דעם גאנצין רוים
אין ווינד, אין פייער, אין ערד אין בוים
וואס דארט טוט זיך גאט ניט גיפינען
אבער עס זעהען קיין אויגין, נאר דער זינעס
דיא זעלבע לעהרע, האט דער זיידע פארין לעבין
זיין זון, אונזער זיידין, איבער גיגעבין

יוסף

יא, יא, גיוויס איז די ווערטער זייער ריכטיג
זייער ערהאבין, אמת! ריכטיג!

(יוסף אונ אלע שטייען אויף פון טיש,
אלע גייען ארוים אין דעם צווייטין
זאל, נאר יוסף אונ אסנת בלייבין)

אסנת

נייז נאר דעם בריף פון מיין זיידין

יוסף

(אלס ער דער לאנגט דעם בריף)

אה! זיין ביטער הארץ, טוט ער זיך דארט אוים ריידין

אסנת (לייענט)

"צום אלער דורכלויכסטיגסטין פירשט אונד הערשער
אויף דאם לאנד מצרים "צפנת פענח"
גאט! בעגליק אים אין אלע זיינע וועגין, אמן

וויא ערשטוינט בין איך געווארין , צוא הערין פון מיינע קינדער
דאס דער הער בעשולדיגט זייא , מיט דעם נאמען זינדער
עס וואונדערט מיר זייער , איך האב געהערט
אז דער הער וויצע קעניג , איז פיל אויף גיקלערט
זאל דער הער , אן זייא גיט דער קאנען
אז זייא זיינען ניט קיין שפיאנען ?
אונ דאן לאזט איר איינעם אין תפיסה פירין
אונ הייסט מיין איינגסטין זון , צוא אייך טראנספאטירין
וועלכע זיין מוטער , האט מיר נאר צווייא גיבארין
איינער פון זייאביידין , איז פער לארין גיווארין
וואס איך וועל אייביג , אויף אים טרויערין
ביז צוא מיין קבר , וועלין דיא טרערין דויערין
נאר זיין ברודער , איז מיר פערבליבין
מיט אים האב איך נאך , מיין צער פערטריבין
ביטער , שווער , איז צוא שיידין זיך מיטין לעבין
נאך שווערער איז מיר , דעם קינד אוועק צוא געבין
איך בעט דעם הער וויצע קעניג , מיט רחמנות זיך צו בעגיין
חלילה אז ניט , בין איך גיגייט צוא קומען אליין
אונ וועל מיינע הייסע טרערין , גיסין פאר זיין שטול
דען דאס הארץ איז מיר , מיט שמערצין פול
אונ אויב עס וועט ניט העלפין , מיינע טרערין , מיין ריידין
האב איך נאך אמיטיל , בירושה פון מיין זיידין
איך בעט צוא גאט ! מיט טרערין , מיט ברומען
מוז מיר גליך , זיין הילף , פון הימיל קומען
הונדערט דרייסיג יאר , איז מיר יעצט גיווארין
צרות האב איך גיהאט , סער פון מיינע יארין

אונ

אונ אז איך רוף צו גאט , ווען איך בין נידריקט
האט ער מיר איביג , זיין הילף גישיקט
געמט ניכט איביל , פילייכט בעריהר איך זייער גרויסע עהרע
דען דאס רעדעט , מיין הארץ דיא שווערע
מיין קאפ איז פער דרייט , מיין הארץ פער ביטערט
מיין קערפער גיבויגין , מיינע אברים ציטערט
גאט ! בעהיט דעם הערין , פון אזעלכע אונגליקען
אין אלע וועגין , זאל דער הער בעגליקין
אונ גאט זאל אים מיט זיין פאמיליע געבין
גיזונד אונ גליק , אונ לאנגעם לעבין
פון מיר יעקב בן יצחק בן אברהם העברי

(אסנת פאלט אין דיא ארעם פון יוסף)

ענדע דריי צעהענטע סצענע

פירצעהנטע סצענע

(יוסף׳ס לוסט גארטין)

(דער גארטין צוא טיילט זיך אויף

העלפט, אין מיטין שטייט אוואנד)

(יוסף , בנימין , עבדון)

יוסף

דער ציילט מיר , וואס האט מיט אייער פאטער פאסירט

וויסענד

וויסענד , וואס איך האב מיט זיינע קינדער דיספוטירט ?

בנימין

מיין פאטער וואר עס טאקע אגרויס וואונדער
עס פארין דאך נאך גימטריידע , פון אלע לענדער
דאך בעריהט ער קיינעם , אויסער זייא אליין
וואס זייער ארדענטליכקייט , קען יעדער פאר שטיין
הויפטזעכטליך , וואונדערט אים , דעם הערינם פער לאנגען
דאס זייא שאפין , מיר אהער צוא ברייננען

יוסף

באלד ! באלד ! וועט איר עס זעהן פארין שיין
מיין כוונה , וואס איך האב דעריין
מיינע פריערינע רייד , וויל איך איצט זיין מקיים

(ער בעדיינקט זיך)

איר זאלט וויסין , אז אייער ברודער איז אין מצרים
דער קעניג האט אים , פאר אדינער גינומען
אונ ער בעט עס מיר צו שרויפין , איר זאלט אהער קומען

בנימין

אהג.ינעדינער פירשט ! פיליייכט קען עס גישעהען
דאס איך זאל מיך , מיט אים קענען זעהען
דרום איך זאל שטילין , דעם פאטערס טרויערין
דען דער פאטער הערט ניט אויף , אים צוא בעדויערין

יוסף

ניין , אין מצרים איז שוין פון אייביג אזוי דער רעכט

אַז פאַר זיין פאַמיליע , ווערט ניט געוויזן קיין קנעכט
ריידין , קענט איר מיט אים , נאָר דורך אַ וואַנד
אויב איר ווילט, שטייט דאָ , איך פיר אים צו פאַרין האַנד

(יוסף גייט אַוועק פון יענער זייט וואַנד ,
וועלכע אויף דער סצענע זעט מען ביידין
בנימין פון איין זייט,יוסף פון דער צווייטע)

יוסף

וואָס מאַכסטו בנימין ? אוי גאָט דוא גרויסער !
וואָס מאַכט דער פאָטער , דער טרייער דער הייסער ?
וואָס מאַכט אונזער זיידע ? איז ער נאָר געזונד ?
איז ער נאָך ביז יעצט , עד היום בלינד ?

בנימין (מיט געוויין)

וואָס זע מאַכסטו ? יוסף מיין ברודער !
דער צייל מיר , דעם גאַנצין געשלידער
וויא אַזוי ביזטו קיין מצרים געקומען ?
מיט וואָסער אורזאַך , ביזטו אַהער פאַר שוואומען ?
אָה ! אונזער פאָטערס געשריי , ברעכט דאָך מויערין !
ער הערט ניט אויף , אַף דיר צוא טרויערין
אָה גאָט ! ! נאַחאַיי וואָלט געווען אין וואַנד אַשפּאַלט !
איך זאָל האָץ קענען זעהען , דיין ליכטיגע געשטאַלט !
אָה ! צוא ריידין מיט דיר , האָב איך זיך אויך ניט געריכט
פילייכט איז אויך מעגליך , צוא זעהען דיין געזיכט ?

(בנימין לויפט אַרום וואַנד , צוא געפינען דאָרט אַשפּאַלט)

יוסף

בעט נאָר דעם פירשט , ער קען אַלס בעוויזן

ש

ער קען אונז ביידין, פערזענליך ווייזין

בנימין

אה נאט!! שיק ארויס אשטורעם, פון דיין מעכטיגע האנד
אה! עס זאל איין ברעכין דיא אונגליקליכע וואנד!!

(יוסף גייט צוריק ארויס, גינעהענט צוא
בנימין, בנימין פאלט יוספן צו דיא פיס)

בנימין

גנעדיגער פירשט!! איך פאל פאר אייך אנידער
ערבארעמט אייך! אף אונז צוויא ברידער!
לאזט זיך אונז זעהען דיא גישטאלטין
דען מיינע קרעפטין, ועלין עס ניט דער האלטין

יוסף

איך וועל עס אייך טאן

בנימין

אה! איך דאנק אייך מיין הער!

יוסף (צוא עבדון)

גייא ברייננ זיין ברודער אהער!

(יוסף גייט מיט עבדון ביז הינטערין וואנד,
קערין זיך אום צוריק, עבדון פירט יוספן)

עבדון

אט איז אייער ברודער!

יוסף

איך בִּין דֵיין בְּרוּדֶער יוֹסֵף ! ! !

(יוֹסֵף פַּאלְט אַרוּף אַף זַיין הַאלְז , קוּשְׁט אוּנ וֵויינְט זַייעֶר פִיל)

יוסף (צוּא עֶבְדוֹן)

יֶעצְט גֵייא צוּא הוֹיז !

צוא בנימין

וָואס מַאכְסְטוּ בִּנְיָמִין ? מַיין בְּרוּדֶער מַיין גוּטֶער !
בְּרִידֶער זַיינֶען מִיר ! בְּרִידֶער פוּן אֵיין מוּטֶער !
זֶעץ זִיךְ דָא בִּנְיָמִין ! בַּייא דֶעם בּוֹים דֶעם גְרוֹיסִין
עֶר מָאג אוּנְזֶערֶע סוֹדוֹת , הֶערִין , אוּנ ווִיסִין

(זַייא זֶעצִין זִיךְ בֵּיידֶע אַנְדֶער)

נָאר אֵיידֶער מִיר רֵיידִין , זָאג מִיר פָאַרְהֶער
דוּא ווֵייסְט דָאךְ , אַז מַיינֶע בְּרִידֶער פֶערְקוֹיפִין מִיר אַהֶער ?
זָאלְסְטוּ מִיר זָאגִין רִיכְטִיג , דִיא וַוארְהַייט מִיט גִידוּלְד
צִי דֶער פָאטֶער הָאט אוֹיךְ , אִין מַיין מְכִירָה אַשׁוּלְד ?

בנימין (עֶרְשְׁטוֹינְט)

מַיינֶע בְּרִידֶער , הָאבִּין דִיר פֶערְקוֹיפְט פֶער אַקְנֶעכְט ! ? !
אָה גָאט ! ! דָאס אִיז אַזוֹי רֶעכְט ! ! ?
מַיין פָאטֶער ווֵייס דָאךְ נָאךְ נִיט בִּיז אִיצוּנְד
אַז זַייא פֶערְקוֹיפִין , יוֹסֵף זַיין קִינְד !

יוסף

זָאג מִיר מִיט וָואס זַיינֶען זַייא דַאמָאלְס , צוּ מַיין פָאטֶער גִיקוּמֶען ?
ווָאו הָאבִּין זַייא דַאמָאלְס , אַתִּירוּץ גִינוּמֶען !

ווייא

בנימין

וויא !! דיא העמדיל וואס דער פאטער גיט דיר איבער
צום בעוויז אז דוא שטייגסט מייגע ברידער אריבער
בריינגען זייא איר צו פליקט, אין בלוט איין גיריכט
זייגען אריין צום פאטער, מיט אפערוויינטע גיזיכט
און זאגין: „מיר האבין נאר גיפונען דיא העמדיל אליין
דער קען פאטער! דאס איז יוסף'ס, צי ניין ??"
און דער פאטער שרייט: „דאס איז מיין קינד'ס, גיוואלד !!
חיות רעות האבין אים, צוריסין אין וואלד !"

יוסף (מיט טרערין)

אוי מיין פאטער האבין געבאך גיזאגט, זיין הארץ זיינע גירין
שלעכטע מענשין זייגען נאך ערגער, פון בייזע טהירין ....

בנימין

ער שרייט: „וואו גיפינט איר עם ?? אוי ווינד !!
וואו ביזטו יוסף, יוסף מיין קינד !?"
דיא ברידער ענטפערין: „אז אין וואלד אן דער זייט
דער זעהען מיר ארויטע זאך, פון דער ווייט
מיר גייען צו נאהענט, מיר בעטראכטין דאס גוט
דיא העמדיל ליגט צו ריסין, ארום איז פול בלוט
מיר זוכין דארט ווייטער, אגליד צי אביין
אבער מיר גיפינען נאר אשלאד, פון בלוט אליין"
דעם פאטערס אויגין, וויא טייכין פליסין
ער האט אף זיך, דיא קליידער צוא ריסין
ער האט דעם הימיל, גישפאלטין מיט זיין גישרייא
עם האט הערצער צוא בראבין, זיין אוי! זיין וויי!

און

און לאזט זיך ניט טרייסטין , ביז דעם היינטיגין טאג
דיא הויז איז רק פול , מיט יאמער מיט קלאג
שוין צווייא און צוואנציג יאר , אז דאס איז גישעהען
און זיין שרייען , איז וויא עס וואלט איצטער גיוועזן
אה ! זייא האבין דיר פערקויפט ? ? אה זייער צארין ג !
און דוא ביזט באלד , א וויצע קעניג גיווארין ?

יוסף

אוי ניין ! גינוג שטראמען , זיינען אף מיר גישוואומען
איידער איך בין , צוא דער דרגא גיקומען
איך בין שוין אקנעכט , אויך גיוועזן אונטער דעסין
איך בין שוין צוועלף יאר , אין תפיסה גיזעסין
אבער וואו מיין שיקזאל , האט מיך פערוויית
האט גאטעס אויג , מיך איבעראל באגלייט
איך האב שוין אף זיך גיהאט , אבייזע טהיר
וועלכע מיט ליבע , דער שלאנגט זיא מיר
דער קעגין אבער נאך איינע וואס פיהלט מיין שמארץ
און האט בעפייכטעט , מיין טרוקענע הארץ
וועלכע אין איר טרוים , שרייט זיא : «אוי ווינד !
וואס שטעלט מען דעם לייב , צווישין דיא הינד»
צום ענדע זיינען מיר גיוואר גיווארין
אז זיא זעלבסט , איז פון לייבין גיבארין
מיט אונז פון איין פאמיליע , פון איין מדינה
זיא איז אטאכטער , פון אונזער שוועסטער דינה
דער קעניג זעלבסט , מאכט דעם בונד
און זיא איז מיין פרויא , ביז איצונד

(אָסְנַת קומט אַרײַן אין גאָרטן און פירט
אָפְּרִימָען פאָרין האַנד , זיא זעצט זיך נעבין זײַא)

בנימין

אָה יוסף ! ערפרייעסט מיין זעלע ! ערפרישט מיין גוף !
וויא בוימיל אויף וואַסער, שווימט דיא וואָרהייט אַרויף !
און דאָס איז אונזער שוועסטערס קינד ! ?
אָה פאָטער ! צהער ! האָב נחת איצונד ! !

יוסף

נאָר זאָג מיר בנימין , מיין טייערער ברודער
גידיינק ! איך פרעג שוין דעם צווייטן מאָל ווידער
וואָס מאַכט אונזער זיידע ? האָט ער אפשר זיין שיין ?

בנימין (מיט טרערין)

ער איז שוין , וואו מיר ווערין אַמאָל זיין —

יוסף (מיט גיוויין)

אָה ! וויא איז מיר ! מיין טייערער זיידע ! !
איר זייט דאָס גיגאַנגען , פריילאַך צוא דער עקידה !
איר היילינע נשמה ! איר זייט עס גישטאָרבין !
איר ! פון באַרג מוריה דער היילינער קרבן ! !
יאַ , היילינער זיידע ! איר האָט שוין אייער שיין
ליכטיג איז אייך ! אונטער גאָטעס פליגיל צו זיין !

בנימין

דער זעלבינער זיידע , פלעגט קומען אַלע טאָג
טרייסטין דעם פאָטער , פון זיין גרויסן קלאָג

דען גלייך וויא דער פאטער האט בקומן צו וויסן
אז חיות רעות, האבין יוסף'ן צוריסן
האט ער אן גיטאן אזאק, צו ריסן זיינע קליידער
פלעגט זיצין אונ טרויערין, בייא זיך אין חדר
אט דארטין וואו ער פלעגט לערנען מיט אייך
דיא הענד פאר בראכין, טרערין וויא אטייך
דאס גיזיכט פאר טרויערט, דיא קאפ אף אזייט
אונ פלעגט שרייען אונ טענן רק אלע צייט:
«גאט איז גירעכט אף אלם וואס ער טוט!
מיינע זינד פאר גיסין, דיא אונשולדיגע בלוט!
אוי איך האב דעם שולד, נאר איך אליין!
איך האב אים גיהייסין, אין סכנות גיין
אבער ניט דיא אונשולדיגע קינד!
וויא וואסער פון קוואל, ביזטו ריין פון זינד»
אונ עד היום, אונ אזוי לאז איך אים איצונד
ער גייט נאר־אונ שרייט: «יוסף מיין קינד»
אנאנדערם מאל חאפט ער זיך אויף פון שלאף
אונ שרייט; «רחל! רחל! וואו איז דיין יונגע שאף?!
צו ליב דיר האב איך גידינט, מיין עקרת הבית!
שטייא אויף אונ זע, דיין קינד עסין חיות!
אה! זיבעצין יאר, האב איך נחת גיהאט
מיט חכמות מיט מדות, מאך איך אים זאט
וואס איך האב גילערינט, פון שם ועבר
איצט האט זיין לייב, ניט גיפונען קיין קבר
זיין פלייש עסין, ראבין, קראעם
זיינע ביינער גריזין, חיות רעות»

אַמָאל חַאפְּט עֶר דִיא הֶעמְדִיל , מִיט בְּלוּט פַאר שְׁפְּרִיצְט
זַיינֶע אוֹיגִין פַאר קֶערְט , דִיא צֶיינֶער פַאר קְרִיצְט
דִיא גְרָאעֶ הָאר צוּ וָוארְפִין , דֶער לִיכְטִיגֶער פָּנִים בְּלַאס
אוּנ צִיטֶערְט מִיט שְׁרֶעק , אַז דָאס לַייבּ וֶוערְט אִים נַאס
קוּשְׁט איר דִי הֶעמְדִיל , שְׁרַייט רַק וָואס הֶעבֶּער
יאָט דָאס אִיז גִיבְּלִיבִּין , פוּן רָחֵלֶען אַזֵכֶר׳ .....

(בִּנְיָמִינֶ׳ן פַאר קְוֶועצְט דָאס הַארְץ עֶר קֶען נִיכְט רֵיידִן
אָסְנַת שְׁפַּארְט זִיךְ אָן אָן יוֹסֵפִ׳ן אוּנ וַויינְט יָעמֶערְלִיךְ ,
יוֹסֵף הַאלְט דִיא אוֹיגִין צוּם הִימִיל , דָאס הַארְץ אִיז אִים
פַאר שְׁטֵיינְט.בִּנְיָמִין אָטֶעמְט עֶטְוָואס אָב, רֶעט וַויטֶער׳)

אוּנ בְּלַייבְּט בַּאלְד אִין אוּנְמַאכְט , לָאזְט אַרָאפּ דִי קָאפּ
מִיר לוֹיפִין בַּאלְד צוּא , מִיר מִינְטֶערִין אִים אָפּ
אָט אַזוֹי אִיז אַוֶועק , צְוֶוייא אוּנ צְוַואנְצִיג יָארִין
אַז פוּן דִיא פְּרֵיילִיכֶע תּוֹיז , אִיז אַבֵּית עוֹלָם גִיוָוארִין

יוסף

דָאס אֵיינֶע אִיז מִיר אָבֶּער אַגְרוֹיסֶע פְּלִיאָה
וואוּ אִיז זַיין חָכְמָה ? וואוּ אִיז זַיין נְבוּאָה ?
זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ , וָואס אוֹיף אִים אִיז גִיוֶועןָ
וִויא הָאט עֶר אַלֶעס , בִּנְבוּאָה נִיט גִיזֶעהֶען ?

בנימין

וֶוען עֶר פְּלֶעגְט זַיין , בַּייא זַיין פְּרֵיילִיכֶע תְּנוּעָה
פְּלֶעגְט עֶר וֶוערִין , בֶּעגַייסְטֶערְט מִיט הֵיילִיגֶע נְבוּאָה
דֶען דֶער פְּרֵיילִיכֶער קֶערְפֶּער , אִיז צוּ דֶער זֶעלֶע אַיְשׁוּעָה
אָבֶּער צַייט דֶער אוּנְגְלִיק , הָאט אִים גִיטְרָאפִין

אז דער קערפער איז טרויעריג, איז דיא זעלע פאר שלאפין

יוסף

און קיינער דער ציילט ניט, דעם פאטער בשום אופן ?
פון דער גאנצער מכירה ? פון דעם פאר קויפין !
גיווארפין אין גרוב, אזוי לאנג גישרויפט
ביז מיא האט מיר, צו ישמעאלים פאר קויפט

בנימין (מיט שרעק)

אין אגרוב גיווארפין ? ! אזוי איז מיט דיר ברודער גיגאנגען ? !

יוסף

אה ! אגרוב ! פיל ענדעשין שלאנגען !

בנימין

און וויא איז מיט דיר, אין מצרים דער גאנגען

יוסף

דאס וועסטו וויסין, דער ווייל איז מיין פערלאנגען
דיר צו וויסין געבין, מיין גידאנק, מיין קלער
ביז איך וועל ברייגגען מיין פאטער אהער

בנימין

אבער וויא זאגסטו ניט אן, צום פאטער אליין

(דיא זון גייט שוין אונטער, דונקיל ווערט
אויפין סצענע, יוסף קוקט צום הימיל)

יוסף

דיא זון הייבט שוין אן, אונטער צוא גיין

וועל איך דיר קורץ , געבין צוא פאר שטיין
וואס וועל איך צום פאטער , שיקין זאגין
אז איך ווייס ניט דורך וועמען , איך ווער גישלאגין
דען ווען איך האב דר ציילט , דם טרוים פון די זון
איז דער פאטער גירירט גיווארין דער פון
זיין כעס האט גיברענט , זיין פייער פלעגט גליען
דען דאס ווייזט , אז ער וועט זיך צוא מיר קניען
ווארום ווער איז די זון , ווען ניט דער פאטער אליין
דרום הייסט ער מיר , צוא דיא ברידער גיין
דאס זייא זאלין אף מיר , נקמה נעמען זאס
דען זייא האבין דאך פון לאנג , אף מיר אכעס גיהאט
אזוי האב איך זיך איין גירעט , אזוי האב איך גיקלערט
טוא וואס וועל איך שרייבין ? זיין כעס זאל זיין גימערט ?
דאמיט וועל איך אים נאר קריינקען , ניט געבין נחת ,
דען דאס זעהט אוים , וויא איך טוא אים להכעים
ער וויל מיך שטראפין , פאר מיינע זינד
אונ איך וועל קומען , מיט להכעים איצונד
בכן , "דוא פאטער מיין נאמען פאר לירשט
דיר אף להכעים , אט בין איך אפירשט"
בכן , איז בייא מיר דער הסכם גיבליבין
ניט אים מצער זיין , אונ גאר ניט גישריבין
אז איך זע אבער איצט , אז מיין גידאנק איז גאר פוסט
דער פאטער האט נעבאך , פון קיין זאך ניט גיוואוסט
יעצט , מארגין גלייך שיק איך אים זאגין
אז דיין זון לעבט , הער אויף צוא קלאגין
נאך וועמען דוא טרויערסט , מיט אהארץ אשווערע

קוּם אַהֶער , אוּנ זֶעה זַיין עֶהְרֶע
וְויא אוֹיף אַנַאנְצֶע לַאנְד הָאט עֶר צוּ שַׁאפִּין
פַאר אִים קְנִיעֶן פִירְשְׁטִין גְרַאפִין
אוּנ דֶער פָאטֶער , וֶועט גִיוִויס קוּמֶען צוּא מִיר
דֶען אוּנְזֶער מוּטֶר פוּן קֶבֶר , זָאגְט דָאס מִיר אַפְרִיעֶר
מִיא פִירְט — זָאגְט זִיא — פָאר אוּיס דִיא קַאלְבּ אַלֵיין
דַאן וֶועט שׁוֹין דִיא מוּטֶער מְמַלֵא נָאךְ גֵיין

בנימין

אוּנְזֶער מוּטֶער עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם
זָאגְט עֶס דִיר אִין חָלוֹם ?

יוסף

גֵיין ! נָאר אַפִּין וָואר !
הֶער אִיךְ אִירֶע וֶוערְטֶער קְלָאר
וֶוען מַיינֶע בְּרִידֶער פֶערְקוֹיפִין מִיר , אִיךְ וַואר אַרֶעסְטִירְט
הָאט מֶען מִיר , פֶערְבַּייא אִיר קֶבֶר גִיפִירְט
אוּנ וֶוען אִיךְ בִּין אִין אוּנְמַאכְט , גִיבְּלִיבִּין דָארְט לִיגִין
הָאבּ אִיךְ אֶט דִיא תְּשׁוּבָה , פוּן אִיר גִיקְרִיגִין
אוּנ אַלְס וָואס אִיךְ הָאבּ גִילִיטִין , אִין מַיין יוּנְגֶע וֶועלְט
הָאט זִיךְ מִיר אִירֶע וֶוערְטֶער , אִין גִידַאנְקֶען פָאר גִישְׁטֶעלְט
נָאר אֵיידֶער , אִיךְ וֶועל נָאךְ מַיין פָאטֶער שִׁיקִין
וִויל אִיךְ נָאךְ אַבִּיסִיל , מַיינֶע בְּרִידֶער דְרִיקִין
נִיט אוּיס שִׂנְאָה , חָלִילָה ! נִיט ,
וְויא קוּמְט צוּא מִיר , אִיז בַּייא זַייא קְטָטָה
וִויל אִיךְ אִיצְט זֶעהֶען , אוּיבּ אַלֶע הָאבִּין חֲרָטָה

ראובן

ראובן, יששכר, זייא האב איך זעלבסט גיזעהען קלאגין
זייא האבין זיך אויף דיא זינד, אין הארצין גישלאגין
אין תפיסה האב איך גיהערט, דיא רייד, דיא דעות
דען איך האב מיר גימאכט, אז איך פערשטיי קיין העברייעש
דרום וועל איך אויף טאן, אזאך צום לאכין
איך וועל דיר מארגין, פער אגנב מאכין
און איך וועל דיר נעמען, פער אקנעכט צו מיר
און אויב זייא וועלין זיך, שטעלין פער דיר
מיט אלע קרעפטין, מיט לייב, מיט לעבין
דאן וועל איך מיר, צוא ערקענען געבין
דען דאס וועט מיר, פער אפראבע דינען
אז זייא האבין חרטה, אף מיין מכירה, אין זינען
נאר דוא דיין ראלע, שפיל קלוג, און גוט
זייא מיט מיר פרעמד, ביז דיא לעצטע מינוט

(עס ווערט שוין נאכט, יוסף שטייט אויף פון אונטערן
בוים, נאך אים אסנת מיט אפרים, בנימין קושט אפריםן)

בנימין

אה! מיין שוועסטערס איניקיל! מיין ברודערס קינד!
וויא טייער ועסטו זיין, ביין פאטער איצינד!

יוסף (צוא בנימין)

דוא האסט עפעס קינדער?

בנימין

צעהען זין זאלין לעבין
אלע נאך דיר אנאמען גינעבין

יוסף

דוא האסט נאך ניט גיוואוסט , וואס מיט מיר האט פאשירט
וויא אזוי האסטו זייא , מיט אזעלכע נעמען טיטולירט ?

בנימין

דאמאלס איז מיר דיא נעמען , אזוי אין זינען אריין
נאר יעצט זעה איך , אז דאס איז פון נבואה אשיין
יעצט זעה איך , וויא אלע צעהען נעמען איז גלייך
פונקט וויא עס האט פאשירט , מיט אייך
והא ראיה , אז דער פאטער האט דיא נעמען בטראכט
יוסף מוז לעבין האט ער בייא זיך גיטראכט
דעריבער איז צוא טרייסטין , אים גיוועזן שווער
דען ווען ער וואלט גיוואוסט , אז דוא לעבסט ניט מער
טוא וויא פיל איז דער שיר , אטויטין צוא בעדויערין
ווען יענער איז טויט , וואס העלפט דער טרויערין
נאר מיר דוכט , אז דער זיידע (זיין זעלע אויבין שוועבט)
האט גיוויס גיוואוסט , אז זיין איינעקיל יוסף לעבט
מיט ווערטער פלעגט ער וויגקען , ווען דער פאטער קלאגט
נאר איך פערשטייא ניט , פער וואס האט ער ניט אויס גיזאגט

(אפין סצענע ווערט פינצטער , אסנת ווערט
בעגייסטערט , הייבט אויף דיא אויגין צום
הימל , אלע אירע נערווין ווערין אויף גירירט)

אסנת

אה ! היילינגער זיידע ! מיין זעלע ווערט פון דיר גירירט !
דיך האט דאס ביין פאטער , פער אקרבן גיפירט
אבינדיל

אבינדיל האלץ אפין פלייצע ! דעם חלף אין האנד
איר גייט עםביידע פרייליך — צוא מוריה לאנד !
דיין פאטער בינדעט דיר, דיינע הייליגע גלידער
אונ לייגט דיר אפין מזבח אנידער ! !
זיין יצחק ! זיין טרייסט צו הונדערט יאר !
אונ דוא ! זעסט שוין דיין טויט אף קלאר
דוא ווייסט וויא דיין מוטער, לאזט דיר קאם אפ
איר ניינציג יאריגין בן יחיד, איר איין אויג אין קאפ !
אונ דוא האסט נאך קעגין חלף, דיין האלז אוים גישטרעקט
דיין טאטע נעמט שניידין, אט . . . אט . . . איז גיעקט . . . .
דא האבין זיך מלאכים, קוקין גישטעלט
וויא דער טאטע מיטין חלף, דער זון דיא האלז אוים גישטעלט
דיא אויגין רינען טרערין, דאס הארץ קוועלט !
אוי — ער טראגט שוין, אוי — צום האלז ניט ווייט . .
ער לייגט שוין ארויף . . . אוי — ער שנייט ! . . . . . .

(אסנת פאלט אין אונמאכט)

ענדע פערצענטע סצענע

פינפצענטע סצענע

(דיא וועג פון מצרים קיין כנען, צוויא ווארסט פון מצרים)

(בוימער פון ביידע זייטין גאשצינען, דיא עלף

ברידער פון יוסף פארין אן , יעדערער פירט זיין
אייזיל פארין האנד , דיא תבואה אויף דיא
אייזלען גיפאקט , עס הערט זיך אשטימע
שרייט : האלט ! עברים ! ווארט ! שטייט !!)

נפתלי

מיר דוכט אז איינער צוא אונז שרייט
(אלע שטעלין זיך אפ הארכין . דיא שטים
נעהענטער שרייט : האלט ! שטייט !)

שמעון

יא , ריכטיג , עס הערט זיך אקול פון דער ווייט
(זייא שטעלין זיך אנידער , דיא שטים
איז שוין נאהענט שרייט : ווארט !)

זבולון

ברידער ! דיא שטים זעהט מיר אוים
פון דעם אדיוטאנט פון וויצע קעניגס הויז

אשר

ברידער ! מיר זיינען נאך ניט פטור
מיר זיינען נאך ניט , אין דער היים ביין פאטער

(סלוא קומט אן , ער רוהט עטוואס אפ)

סלוא

פון אשעה אז איך שרייא , אונ איר קערט אייך ניט אום
טויב זייט איר עברים ? צי שטום ?
דער

(ער דיקט אב)

דער זילבערנער בעכער, וואס איר האט גיטרונקען
איז ער ניט גיווארין, אזוי וויא איין גיזונקען
קיין אנדערער וויא איר, וואר ניט אין הויז דארט;
איר האט אבער עברים! ניט גיטראפין דעם ארט
דאס ערשטע, דארפט איר דאך פערשטעהן גאנץ גוט
אז מיא ניצט אים שטענדיג, וועט מען שפירין דיא מינוט
צווייטינס, בענוצט מיין ווירט, מיט דעם בעכער, צוזיבעריייא
אונ ביא וועמען גנבת איר! חלעבין אשטותרייא

(דיא ברידער קוקין זיך אן מיט פערוואונדערונג)

יהודה

ליבסטער הער! איר ערגערט אייך אום זיסט
קיין גנבים — טרויט אונז — זייגען מיר ניסט
פון כנען יענע געלט, ברייגגען מיר צוריק
בפרט נאך גנבגען זילבער א שטיק?!
גיפינט איר ביא וועמען, דעם בעכער פון הערין
זאל יענער צום טויט, שטראפירט ווערין
אונ מיר אלע, זאלין זיין צום הערין קנעכט
יא? מיין הער! האב איך רעכט?

סלוא

אזוי דארף עס זיין, נאר איך זאג "ניין"
אקנעכט זאל נאר זיין, דער גנב אליין
אונ דיא איבעריגע אלע, בלייבין ריין
אונ איר קענט אייך לשלום, צו אייער פאטער גיין

(דיא בְּרִידֶער נֶעמֶען אַרָאפּ דיא זֶעק, סַלוּא פַאנְגְט
אָן צוּא זוּכִין פוּן דיא עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער, בִּיז עֶר קוּמְט
צוּא בִּנְיָמִין, עֶר שְׁטֶעקְט אַרַיין דיא הַאנְד אוּנ נֶעמְט
אַרוֹיס דֶעם בֶּעכֶער, דיא בְּרִידֶער פַאר בְּרֶעכִין
דיא הֶענְד, אוּנ צוּא רַייסִין דיא קְלֵיידֶער)

סלוא (מִיט אַשְׁמֵייכִיל)

נוּא, אָרְדֶענְטְלִיכֶע לַייט! וָואס וֶועט איר יֶעצְט זָאגִין?
גִיוִויס הָאט אַיו גַד, אַהֶער דֶעם בֶּעכֶער פַאר טְרָאגִין?!
אַבְרָהָמְס אֵיינִיקְלַאךְ גַנְבֶענֶען? ! פוּי מִיאֶס!!
נוּא, נוּא, עֶרְלִיכֶע לַייט! מַאכְט קַיין שִׂיחוֹת,
אַט דָאס אִיז שֵׁיינֶע אוֹרְחִים?! אָה גָאט!!
נוּא, נוּא, גִיכֶער! צוּרִיק, צוּרִיק אִין שְׁטָאט!

(דיא בְּרִידֶער לַייגִין אַרוּף דיא זֶעק צוּ רִיק אַף דיא אֵייזְלִין,
יְהוּדָה צוּא בִּנְיָמִין מִיט אַפְּעֶרְדְרִיסְלִיכִין צָארְן)

יהודה

אַפְשֶׁר וִויא דַיין מַאמֶע מִיט דיא בִּילְדֶער? ! בִּיזְט דָאךְ רָחֵל'ס זוּן!

בנימין

גָאט וֵוייס דֶעם אֱמֶת, אַז אִיךְ בִּין רַיין דֶער פוּן

יששכר (צוּ יְהוּדָה)

וָואס בֶּעשׁוּלְדִינְסְטוּ אַמֶענְשִׁין אַרַיינֶעם?!
מִיר הָאבִּין נִיט צוּא בֶּעשׁוּלְדִיגִין קֵיינֶעם!
מִיר וֵוייסִין אַלַיין . . . . . . דֶער גִיוִויסִין דַארְף אוּנְז פַּרֶעכִין
גָאט מָאנְט אוֹיף - פְּרִיֶער — שְׁפֶּעטֶער — עֶס וֶוערְט נִיט פֶערְגֶעסִין

(זייא קערין זיך אום צוריק, ביז מען
זעהט זייא שוין ניט אפין סצענע)

ענדע פינפצעהענטע סצענע

זעכצענטע סצענע

(יוסעפס גאסט זאל)

(יוסף, אסנת, מנשה, אפרים, איינינע אדיוטאנטין,
סלוא קומט אריין מיט דעם בעכער אין האנד,
נאך אים אלע זין פון יעקב שרעקליך
פאר שעמט, זייא בלייבין שטיין ביין טיר)

סלוא

דאמט אויף דיא שטוב! אלץ וואס איז פאראנגען
פיליכט וועט זייא, נאך עפעס גיפעלין פון דאנגען

יוסף

נוא, עברים! אט דאס וואס בעדייט?
אברהמס איינקלאך?! ארדענטליכע לייט?!
מיר רופט מען דאך „צפנת פענח" דער בייא,
דאס אלע פערבארגענהייט, איז מיר אפין, פרייא,
אן דעם בעכער, פאר שטייא איך צויבערייא

יהודה

מיר קענען ניט ריידין, גוט אדער שלעכט

נָאט מַאנְט דָא אוֹיף , פוּן אוּנְז זַיין רֶעכְט
מִיר אַלֶע, אַלֶע , פַאר בְּלַייבֶּען הִיר קְנֶעכְט

יוסף

חָלִילָה ! בַּייא דֶעם וָואס מֶען הָאט דֶעם בֶּעכֶער גִיפוּנֶען
יֶענֶער פַאר בְּלַייבְּט , הִיר אַף צוּא דִינֶען
וָואס הָאבּ אִיךְ צוּא אַלֶעמֶען ? אִיר קֶענְט אַייךְ גַיין
דִיא שְׁטְרָאף דַארְף לַיידִין , נָאר דֶער גַנָב אַלֵיין !

יוסף (צוּא סַלוּא וַוייזֶענְדִיג אַף בִּנְיָמִין)
פִיר אִים אַרַיין צוּא מִיר אִין הוֹיז

(צוּא דִיא בְּרִידֶער)
אִיר קֶענְט אַייךְ גַיין , אִיר זַייט לוֹיז

(סַלוּא נֶעמְט בִּנְיָמִין'ן , פִירְט אִים אַרַיין אִין
אַזַייטִיגִין צִימֶער, דִיא בְּרִידֶער בְּרֶעכִין דִיא
הֶענְד, וַויינֶען שְׁטִילֶערְהֵייד , יְהוּדָה טְרֶעט אָבּ
פוּן דִיא בְּרִידֶער , גִינֶעהֶענְט צוּא יוֹסֵפְס שְׁטוּל) ,

יהודה

דוּרְכְלוֹיכְטִיגְסְטֶער פִירְשְׁט ! עֶרְלוֹיבְּט מִיר צוּ רֵיידִין
אִיר זַייט גְלַייךְ וִויא דֶער קֶענִיג , אִיךְ שֶׁעץ אַייךְ בֵּיידִין
דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאל , וָוען מִיר זַיינֶען גִיקוּמֶען
הָאט מֶען אוּנְז אוּנְשׁוּלְדִיג , צוּא אַייךְ פֶערְנוּמֶען
פוּן דִיא שְׁטְרֵיינְגֶע דַאפְּרָאסִין , וָואס אִיר הָאט אוּנְז גִיפְרֶעגְט
הָאבִּין מִיר אַלֶע הִינְזִיכְטִין פוּן הוֹיז , אַייךְ עַנְדֶעקְט
בִּיז אִיר הֵייסְט דֶעם אִינְגְסְטִין בְּרֵיינְגֶען אַהֶער
מִיר הָאבִּין אִים פוּן פָאטֶער , בֶּעקוּמֶען גַאנְץ שְׁוֶוער
דֶען צַייט יֶענֶער קִינְד , אִיז אִים פֶערְפַאלְין גִיוָוארִין

אין

מכירת יוסף

איז אים דער געבליבן , דער טרייסט צו די אלטע יארן
דען זייער מוטער , האט נאר דיזע צוויא געבארן
דאן אז דריקט דער הונגער , שוין ניטא קיין קארן
האט דער פאטער אויף מיינע הענד , אים מיר געטרויט
אבער זיין שיידין זיך , וואר שווער וויא דער טויט
אז איך האב אים שוין גענומען , קיין מצרים געבראכט
ווערט זייע בלבולים , אף אים אוים געטראכט
אונ דער הער פערלאנגט , אים צוא פערהאלטין
קומען מיר אן אים , צוא אונזער טאטין דעם אלטין
וועלין מיר זעלבסט אפין פאטער דיא מערדער זיין
אונ ער קומט מיט טרערין , חלילה אין גרוב אריין
פערלאנג איך יעצט פון הערן , דיא איינע רעכט
דאס איך זאל פערבלייבין , אנשטאט אים פאר אקנעכט
איך האב מער קרעפטין , איך בין אהעלד
איך וועל זייא נוצין , אין הויז אונ אין פעלד

(יוסף שטייט אויף פון זיין שטול צום אוועק גיין)

יוסף (אלס ער שטייט אויף פון שטול)

גינוג שוין פלודערין , איך האב קיין צייט
לאזט מיך גיין האנדלען , מיט ערליכע לייט

(יהודה קוקט מיט צארין , פון זיינע
אויגין שיסין אים בלוט ארוים)

יהודה

לאמיר זיך זעגנען אין פרידען , וואלט איך ליבערשט זאגן
(ווייזינדיג אף שמעון מיט לוי)
אט דיא צווייא מענשין האבין דיא שטאט שכם דער שלאגין

יוסף (מיט אגילעכטער צו זיינע ארויסאנגמין)

ח ח ח איינער האט זיך אמאל בערימט
אז ער וועט צו רייסן אלייב, בשעת ער ברומט
אסימן: אין וואלד האבן זיך מוראקעס גישאטין
האט ער זייא אלעמען, מיט איין פוס צו טראטין

(צוא דיא ברידער)

שוטים! אין שכם זיינען זייא אלע צו בעט גילעגין
שוואכע, קראנקע, און שפיזין און דעגין
אונ בסך הכל, דרייא הונדערט מאן
אין מצרים, איז צוועלף מיליאן מענשין פאראן!!
טויזינדער גבורים!! פולקין מיליטער!!
מעכטינע קרעפעסטין!! פול מיט גיוועהר!!
אה! נייןן פריינד! איר אירט איך!
מצרים איז נאך צו שכם ניט גליך!!
אבער פערוואס דיינע ברידער, מאכט עס ניט אויס?
נאר דוא, שטעלסט זיך מיט דיין גרוים מויל ארויס?

יהודה

דען דער פאטער, טרויט מיר אים אף מיינע הענט
אנדערס אים נעמען, האב איך ניט גיקענט
דרום בין איך פער אים, אערב גיווארין
זאנגט, לאזט אים דער פאטער, גיט פארין
אבער דער הערר וועט, גיוויס, מאכין אבייט
דען איך וועל אים נוצין אלע צייט
אין אאום שלום, שטעלט מיך צום שטרייט
וועל איך קאמין ווייא הייא, ווייא זאנגען מי שנייט

יוסף (צוא זיינע אדיוטאנטין)

איך וואלט עס טאן , נאר ער שרעקט מיך איין
איך פירכטע , עס וועט בייא מיר צוא הויז מלחמות זיין

(יוסף בעדיינקט זיך אקליין ווײלע)

יוסף

איך וועל דעם פאטער בעפרידיגין , מיט אנאנדער זאך

יהודה

דורכלויכטיגסטער פירשט ! לאזט שוין גימאך
גינוג שוין אונז צו קריינקען , גינוג שוין צו שטרייטין
דער פאטער וועט זיין קינד , אויף געלט ניט בייטין

יוסף

איך דיינק ניט , צוא באצאלין אים מיט געלט
נאר מיט וואס — דוכט מיר — ער וואלט אליין גיוועלט —

יהודה

וואס איז פער אזאך ?

יוסף (צוא זיינע קנעכט)

הייסט אלעמען אבטרעטין , אליין גייט אויך ארויס
אויסער דיא עברים , זאלין בלייבין אין הויז !

(אלע גייען ארויס , מיט זייא אכנת
אויך , אויסער עבדון און מנשה)

יוסף

איך קען איך ווייזין אייער פערלארענעם ברודער

גייי

יהודה

גינוג שוין צוא קערין אונזער הארץ וויא ארודער
מיר זיינען קינדער פון שם! — ניט פון חם! —
פירכטעט אייך, פאר דעם גאט פון אברהם!!!

יוסף

איך בין ערפארין, מיט דיא הילפע פון גאט
אז אייער ברודער, איז היר אין שטאט
אונ אזוי וויא איר, שטייט דא גלייך
וועט איר זעהען, אייער ברודער פער אייך!

(דיא ברידער קוקין זיך אלע אן מיט גרויס פערוואונדערונג)

יוסף צוא עבדון

דעם גאלדענעם טאץ, דער לאנג אהער!

(עבדון לויפט ארויס, טראגט אריין דעם טאץ
אין אשייד יוסף נעמט דעם שייד אראפ, טראגט צו
דעם טאץ צום מויל, זאגט וואס איינינע ווערטער
שטילערהייד, טוט אן דעם שייד צוריק)

יוסף (צום קנעכט)

הייננ אויף דעם טאץ אפין טיר
מיט דעם לויטערין זייט, אנטקעגין מיר

(עבדון הייננט אויף דעם טאץ)

יוסף (צוא דיא ברידער)

געהענטער צוא מיר קומט ברידער!
פון ביידע זייטין שטעלט אייך אנידער

יוסף צוא עבדון

גלייך וויא איך רייד
נעם אראפ דעם שייד

מכירת יוסף

(עבדון האפט דעם שייד אראפ, און גייט באלד ארויס)

יוסף (צוא די ברידער

קוקט זיך איין אין טאץ, אין שיין, אין דאס ליכט
זעהעט איר דארטין אייער ברודערס געזיכט ?

(די ברידער קוקן אין טאץ

(די ברידער

גין

יוסף

קוקט זיך אקארסט איין, אין טאץ גוט
זעט איר איינעם, אין אגאלדענע הוט ?
אפין האלז אקייט, פיין זייט אדעגין
אין אגווייסין טורבאן, מיט רויטע בְרעגין
אין אלאנגע בלאע זיידענע קלייד
זיין קינדזאל, מיט אגאלדענעם שייד ?
איר זעהט אים ניט ? אך! אזוי מהודר
איז דאס ניט אייער ברודער ??

(די ברידער בלייבין שטיין שרעקליך ערשטוינט.
יוסף ווינקט צוא מנשה'ן ער זאל ארויס גין)

יוסף (אין דער הויך מיט אגיוויין)

איך בין אייער ברודער יוסף! איך!!
וואס קיין מצרים פערקויפט איר מיך
וואס מאכט מיין פאטער? איז ער נאך ביא זיין קראפט ?
האבין אים זיינע צרות, די כוחות ניט פאר שלאפט ?

די

(דִי בְּרִידֶער בְּלַייבְּן צוּא דוּלְדֶעט ,
קֶענֶען קֵיין וָוארְט נִיט עֶנְטְפֶערִין)

יוֹסֵף

וָואס זַייט אִיר עֶרְשְׁרָאקְן ? קוּמְט נֶעהֶענְטֶער צוּא מִיר !
וואוּ אִיז מַיין בִּנְיָמִין ? לָאזְט אִים אַרוֹיס פוּן טִיר !

(בִּנְיָמִין לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן טִיר , עֶר פַאלְט אַרוּף
יוֹסֵפְן אַפִין הַאלְז , קוּשִׁין זִיךְ אוּנ וַויינֶען זֵייעֶר פִיל ,
דִיא בְּרִידֶער זַיינֶען אֶן אַשְׁפְּרַאךְ גִיבְּלִיבְּן)

יוֹסֵף (צוּא דִיא בְּרִידֶער)

זַייט נִיט אוּנְרוּהִיג , זָאל אַייךְ נִיט פַאר דְרִיסְן
אַזוֹי אִיז גָאטֶעס פִירוּנְג , מוּזְט אִיר וִויסְן
עֶר שִׁיקְט מִיךְ אַהֶער , אַייךְ צוּא שְׁפַּייזְן
דֵיינְקְט נִיט , אַז אִיר הָאט עֶס גִיטָאן פַאר גְרֵייזְן
אַזוֹי אִיז גָאטֶעס רָצוֹן , אַזוֹי אִיז זַיין זִינֶען
כְּדֵי עֶר זָאל אַייךְ פוּן הוּנְגֶער אַנְטְרִינֶען
עֶר שִׁיקְט מִיךְ אַהֶער , אִין קְרוֹין צוּא זַיין גִיצִירְט
בַּיין קֶענִיג וִויא אַפָּאטֶער , אִין זַיין הוֹיז דֶער וִוירְט
גַאנְץ מִצְרַיִם , וֶוערְט מִיט מַיין צֶעפְּטֶער גִיפִירְט

(אָסְנַת קוּמְט אַרַיין מִיט בֵּיידֶע קִינְדֶער)

אָט דִי אָסְנַת מַיין פְרוֹי , וֶועלְכֶע אִיר זֶעהְט אִיצוּנְד
זִיא אִיז אוּנְזֶער שְׁוֶועסְטֶער דִינָה'ס אַקִינְד
מִיט אִיר הָאבּ אִיךְ , דִיזֶע צְווייא קִינְדֶערְלַאךְ דֶער לֶעבְּט
וָואס אִיךְ בִּין צוּא זֵייא , וִויא צוּם פָאטֶער צוּא גִיקְלֶעפְּט

(בִּנְיָמִין נֶעמְט אַרוּם מְנַשֶּׁה אוּנ אֶפְרַיִם , קוּשְׁט זֵייא זֵייעֶר

פיל, יוסף פאַלט אַרוּף אַף דיא האַלז פוּן איטליכען ברוּדער בעזונדער, קוּשט זייא אוּנ ווײַנט זייער פיל)

ראובן (אַלס ער קוּמט עטוואס צוּא זיך)

אָה גאָט !!!

יששכר

יוסף לעבט !!!

יהודה

פאָטער !!!

אשר

אָה! מיין האַרץ גלויבט מיינע אויגין ניט !!!

נפתלי

אָה! דעם פאָטער ווער זאָגט אַן ??

גד

אָה! וואָס זעה איך ??

(שמעון, לוי, זבולון, דן)

אָה! גאָט דוּא גרויסער !!!

דער פאָרהאַנג פאַלט

ענדע זעכצעהענטע סצענע
אוּנד אויך
זעקסטער אקט

זיבעטער אקט

זיבצעהנטע סצענע

(אוואלד ביא חברון)

(פאר טאג בעגינגען)

יעקב אליין גיקניט אויף דער ערד

גאט דער קעניג, איבער אלע קעניגרייך
אויף דער ערד, אין הימיל, ווער איז צו דיר גלייך
ביזט פריער גיוועזן, איי עס וואר נאך גאר מעג
וועסט זיין שפעטער, אן אשיעור, און אברעג
דוא ביזט פון אלעמען, פאר בארגין פאר דעקט
אין יעט ווידער זאך, ביזטו דאך אנפלעקט
דער דומער מענש, וועט דיר אייביג ניט גיפינען
דיר זעהען קיין הערצער, נאר דער זינען
מיר זעהען דיך ניט, אפילו אין דער ליכטיג
אונ אין דער פינצטער, זעהסטו גאנץ ריכטיג
דיא סיבה דיא אורזאך, ביזטו פון אלע זאכין
אלס וואס דיין ווילין איז, דאס קענסטו מאכין
אונ ווייל ביא אונז טויזנדער יארין
איז ביא דיר וויא ארגע, פאר ביא גיפארין
זעהען מיר גאנץ קורץ, אונ דרום
וואס ביא דיר איז גלייך, איז ביא אונז קרום
דאס וואס ביא אונז, זעהט אויס שלעכט
ווייסטו אז דאס איז, גלייך אונ רעכט
דען דוא קוקסט גאנץ וויט, ביז צום סוף

אַז דָאס איז אַטובה , ניט אַשְׁטְרָאף
נָאר דוא גָאט , קענסט עם דעם סוד וויסען
וואס חיות הָאבען , מיין קינד צוא ריסען
דער מענש קוקט קורץ , אונ דוא קוקסט וויט
ענדעק מיר גָאט , וואס דָאס בעדייט —
שוין צוויא אונ צוואנציג יָאר , אַז דָאס טוט דויערין
ענטדעק דיין סוד , איך זָאל ניט טרויערין
איך וויים , דיין פירונג איז גוט , אונ קלוג
צוא מיינע צרות , זָאג שוין „גינוג !" — — גינוג ! ! *)
(יעקב בלייבט שטיין ערשטוינט , ער קוקט זיך ארום)
גינוג ? מיינע צרות איז שוין גָאר ?
אָבער ווער ענטפערט דָאס מיר ? וויים איך ניט קלָאר
גָאט ! דו ענטפערסט דָאס ? קענסט ! ביזט אתקיף .
ערבארעם דיך אף דיין קנעכט יעקב ! ! — יעקב !!
ווער רופט עם מיר ? איך מוז לויערין
(ער קוקט זיך ארום)
וועמען פרייט עם מיין טרויערין ! ? — טרויערין ! !
טרויערין זָאל איך ? אף מיין פיין ?
איך גיב מיר גָאט ! איבער אין דיין האנד אריין
דען אַלֶם וואס איך הָאב , איז דיין ! — דיין !
מיין ? ניין , צוא דיר גיהער איך , עוויג , אונ איצונד
אַלעם , אַלעם , יעדער שָׁאף , יעדע רינד
יעדער מינוט לעבין , יעדער קינד ! — — — קינד !
אָה ! ! ווער דער מאנט מיר מיין שמארץ ?

---

*) דאס ענטשפּרעכט אזא [illegible] וואלט דעם לעצטן וואָרט

ווער פער גרעסערט דיא וואונדין פון מיין הארץ ?
צוא דער מאגען מיר , מיין קינד יוסף ? — יוסף ! !
יוסף ! ! דיין גיזיכט מיר שטענדיג שוועבט
דיר צו רייסין חיות , אוי ! אונ דיין טאטע לעבט ! ? — לעבט ! !
ער לעבט ? ניין , דאס הייסט קיין לעבין
איך בין שוין לאנג צום טויט גיגעבין
איך גיי איבער גוואלד , איך לעב איבער דאנק
גיבויגין אין צעהנען , שוואך אונ קראנק
אה ! יוסף וואר מיין לעבענס קוועלע
נוא , לעבט אקערפער אן אזעלע ?

(ער בלייבט אן קרעפטין)

אה ! איך האב קיין קרעפטין , צוא גיין אהיים
איך וועל מיך דא זעצין , אונטער דעם בוים

(ער זעצט זיך אנידער , בעדיינקט זיך עטוואס)

וואס איז דארט מיט מיינע קינדער גיווארין ?
אין שטוב איז שוין באלד ניטא קיין קארין
זייא האבין שוין גידארפט , קומען צו פארין ?
(ער בלייבט שטיל)

אבער ווער ענטפערט דאס מיר , ווער ?
אפרעמדער מענש ? וויא קומט ער אהער ?
לאכט ווער פון מיר , ווען מיין הארץ איז שווער ?
קען ווער זיך פרייען , אויף מיין טרער ?
פיליכט דוא גאט ? גאט מיין הער !
פיליכט האסטו דיין הילפע גישיקט
צו ערפרייען דיין קנעכט , ווען ער איז גידריקט

און מיט דיינע ווערטער, האסטו אים בעגליקט ?
דוא ענטפערסט מיר גאט ! מיט דיין שטים פון ווייטן ?
דארף מען דאך קלערן, וואס דאס טוט בעדייטן . . . . . .
אויב ניט זיבן ווערטער, האב איך יעצט גיהערט
ווען איך בין גישלאגען, ביין בוים פער קלערט
"גינוג, יעקב, טרויערין", אח וויא קלוג !
גאט, ! ! דוא זאגסט מיר, אז טרויערין איז גינוג ?
אבער דיא לעצטע ווערטער "דיין — קינד — יוסף — לעבט",
עפעס דאס האט מיר צום הארצין ניט גיקלעפט
שוין צוויי און צוואנציג יאר, אז ער האט ווי אפויגיל פערשוועבט
ביזע טהירען פון וואלד, האבין זיין פלייש צוא שלעפט
יעצט זאגסטו מיר אן, אז יוסף לעבט

(עס הערט זיך אגיזאנג פון אדאמען שטים מיט
דעם שפילין פון אגיטארע, הינטערין וואלד)

אוי ! ניין, ניין, פון צער פון אנגסט, בין איך פערדולט
אבער — וואס הער איך עס — מי זינגט מי שפילט —
אה ! וואס פאר אזיסער שטים, וואס פאר אשיינע גיזאנג
שענער, שענער, פון דיא פויגיל קלאנג — .

יעקב בלייבט שטיל, ער הערט דיא ליד הינטערין
וואלד וויא עס זינגט און שפילט מיט דיזע ווערטער)

1.

דעם קוואל פון הילף, עפינט גאט
טרוקענע הערצער ! פון דארטין שעפט !
ווי גרויס ווי טיף, איז גאטעס ראהט
מיין פעטער יוסף לעבט ! !

פון

2.

פוּן מִצְרַיִם שְׁפְּרַאצְט, דִיא הִילְף אַרוֹיס
נָאטֶעס הַאנְד, הָאט אִים פֶערְשְׁלֶעפְּט!
אָה גָאט!! דִיא פְרֵייד וִויא גְרוֹיס!
מַיין פֶעטֶער יוֹסֵף לֶעבְּט!!

3.

קוּמְט אַהֶער, הֵיילִיגֶע גֵייסְטֶער!
צוּא מַיין זֵיידִין, גִיבֶער שְׁוֶועבְּט
גָאט דוּא גְרוֹיסֶער! בִּיזְט אַמַייסְטֶער
מַיין פֶעטֶער יוֹסֵף לֶעבְּט!!

4.

קוּקְט נָאר מֶענְשִׁין, זֶעהְט אוּנ שְׁפִּירְט
וִויא קִינְסְטְלִיךְ, דֶער שְׁפִּין זַיין שְׁטִיבִּיל וֶועבְּט
נָאךְ קִינְסְטְלִיכֶער, הָאט דָא גָאט גִיפִירְט
מַיין פֶעטֶער יוֹסֵף לֶעבְּט!!

5.

זִינְגְט אִיר פֵייגְלַאךְ! נַאכְטִיגַאלִין!
צוּ פְרֵייד, זַייט אִיר עֶרְסְט אַרֶעצֶעפְּט
דֶעם זֵיידִינְ׳ס טְרוֹים, אִיז נִיט פֶערְפַאלִין
מַיין פֶעטֶער יוֹסֵף לֶעבְּט!!

יַעֲקֹב (מִיט פֶערְוואוּנְדֶערוּנְג)

אַח דִיא שְׁטִים, וִויא זִיס, וִויא שֵׁיין
שֶׂרַח? דוּא בִּיזְט דָאס מַיין קִינְד אַלֵיין

פו

פון דיין שטים , דער קען איך דיר

אהער מיין קינד געהענטער צוא מיר

(עס קומט אריין שרה מיט אגיטארע אין האנד)

יעקב

זינגסט גאנץ שיין , מיין ליבעס קינד !

נאר מיינע וואונדין , רייסטו אויף איצונד

דער מאנסט מיר יוספן , אוי מיר אונ וויינד !

שרה

חלילה איך זאל דיין הארץ בעשווערין

איך זאל זיין גערין , דיינע טרערין ,

מיין ליד איז נאר אויף פרייד גיגרונדעט

דיין הארץ צו היילען , וואס איז פער וואונדעט

יעקב

מיין הארץ צו היילין , זינגסטו דיין ליד ?

אה דאס רייסט מיר אוף , גליד פער גליד

דיא וואונד איז גיוועזן , שוין צוא גיקלעפט

זינגסטו אליד , אז יוסף לעבט —

פאר דיר איז אליד , פאר מיר אשפיז

גאט וויים , וואו מיין יוסף איז

דער וואלד האט שוין אן דיא חיה פער געסין

וועלכע האט מיין קינד אויף גיגעסין

(מי זעט פון ווייטין דורך דיא בוימער קומט אן דינה)

שרה

דיא זיבן ווערטער , וואס האט דיר אין וואלד גיקלונגען

אויך דיא ליד , וועלכע איך האב גיזונגען

דיא ביידע אין ריבטינ , קענסטו וויסן

מיין חיות האבין עם ניט צוריסין

דינה (פער שלאגענדיג עבה'ם הייד׃

הײליגער פאטער ! איך זאג דיר אן
מײנע ברידער , קומען אן
זיא גייען צוא דיר אהער אין וואלד
אגליקליכע בשורה , ברײנגען זיא דיר באלד

(יעקב שטייט אויף מיט האסט , לויפט צו די קינדער ,
דיא קינדער לויפין אים אנטקעגין , יעקב קושט זיא)

יעקב

וואס זעה מאכט איר , מײנע ליבע קינדער ?
זייט איר געזונד , איטליכער בעזונדער ?

(ער דער זעט שמעונען ער פאלט אים ארוף אפין האלז)

יעקב

וואס זעה מאכסטו ? מיין אונשולדיגער ארעסטאנט
דיא תפיסה פון מצרים , איז דיר שוין אויך בעקאנט ? !

שמעון (ווייזינדיג אף דיא ברידער)

ווען זיא וואלטין זיך פער זאמט , נאך אפאר וואכין
וואלט איך אייביג פון תפיסה ניט ארויס געקראכין

יעקב

ווארום מיין קינד ?

שמעון

דען איך וואלט געווארין אזוי פעט אונ דיק
אז איך וואלט ניט קענען ארויס צוא דיק

יעקב

מיך וואונדערט אפין וויצע קעניג זייער
אנפאנג מאכט ער איך , אנגסט אונ טרויער

דער נאך ווערט ער פלוצלונג אזוי גוט
איך דיינק, ער איז אשווינדלער, אפלוט ?
(מי זעט קאראטין קומען אן)

יששכר

אין אברהמ'ס אייניקלאך, איז ניטא קיין פלוטין —
וואלסט דאס זעהען אביסיל, זיין קאראקטער דעם גוטין

יעקב

וואס הייסט ? איז ער דען פון אונזער משפחה ?
גוא, זאל אים גאט בענשין, פון מיין זיידינם ברכה
(דער קוטשער פון יוסף'ן גיגעהענט צוא יעקב)

(דער קוטשער)

ליבסטער אלטער ! דער וויצע קעניג שיקט מיר צוא אייך
בעטין איר זאלט קומען, קיין מצרים גלייך

יעקב

בעדאנקט אייער הערין, איך וועל גיסט פארין
צוא שווער פער מיך, פער מיינע אלטע יארין
(דער קוטשער)

דרום שיקט אייך דער וויצע קעניג קאראטין
איר זאלט קענען פארין, עס זאל אייך נישט שאטין

יעקב

מיינע קינדער קומען איצט, איך וויל וואס מיט זיי ריידין
ווילט איר מיר שוין, פון מיינע קינדער שיידין
נעכטיגט פריינד ! מארגין פארט אייך צוריק
בעדאנקט אייער הערין, ווינשט אים גליק
(דער קוטשער)

פער דיא גאנצע גיזינד, שיקט מיין ווירט קאראטין
אלעמען צוא בריינגען, האט ער מיר גיבאטין

יעקב

וואס האבן מיר ביי איהם, אזוי פיל פער דינט
אז ער הייסט צו זיך ברייננען, מיין גאנצע געזינט ?

יששכר

ער מיינט נאר אונזער טובה, וויא עס שיינט
דען ער איז מיט אונז אנאהענטער פריינד

יעקב (מיט פערוואונדערונג)

אפריינד איז ער אונזערער ? וויא אזוי ?

יששכר

וויל דיין דינה'ס טאכטער, איז זיינע אפרוי —

יעקב (ערשטוינט)

דיא קליינע אסנת ? דיא דרייא יאריגעס קינד ?
איז אוויצע קעניגין, צוא מצרים איצונד ?

דינה

אונ דער וויצע קעניג זעלבסט, דער אדעל געבארענש
איז מיין ברודער יוסף, דיין זון דער פערלארענער

יעקב (מיט געוויין)

וואס לאכט איר קינדער פון מיר ?
מיין הארץ שפרינגט מיר ארויס שיר

נפתלי

חלילה פאטער ! מיר זאלין דיר קריינקען
מיר ווילין דיר ריכטיג מיט אבשורה בעשיינקען

(אלע)

יוסף לעבט ! זאלין מיר לעבין אזוי !
אונ דינה'ס טאכטער, איז זיין פרוי
אויף גאנץ מצרים, האט ער צוא באטין

אונ ער שיקט עס דיר דיא קאראטין

(זיא ווייזן אן אף דעם קוטשער אחישחר)

אט ביא דעם הערין קענסטו פרעגין

ווער עס שיקט דיא פערד אונ וועגין

יעקב (צום קוטשער)

אה ליבסטער הער!! ווער האט אייך אהער גישיקט??

אונ וויא האט ער דיא ווערטער אוים גידריקט???

אחישחר (דער קוטשער)

דער הער וויצע קעניג, מיט זיין פרוי

פער זאגין מיר, מיט דיא ווערטער אזוי

פאר קיין כנען, מיט מיינע ברידער

ברייננ מיין פאטער צוריק, מיט זייא ווידער

יעקב (מיט אגישרייא)

אח גאט!!!

(ער פאלט צוא דער ערד, אלע לויפין צוא בערוהיגין אים)

שרח

וויא איז מיר!! מיין זיידע איז אין אונמאכט גיבליבין!!

זיין פרייד האט אים, זיין לעבין פער טריבין!!

דינה (פאלענדיג אפין פאטער)

בערוהיג דיך פאטער! אוי וויא איז מיר!!

ער איז גיבליבין!! ער גיט זיך ניט אריר!!

(דיא קינדער אלע לויפין צוא, הייבין אים אויף

בעגיסין אים מיט זייערע טרערין, יעקב קומט עטוואס

צו זיך, דיא קינדער זעצין אים אנידער נעבין צבוים)

יעקב (מיט אפריידין גישרייא)

אה גאט!! מיין קינד יוסף לעבט!!!

(ער שפארט זיך אפ אן בוים פון שוואכקייט)

(אַלֶע)

עֶר לֶעבְּט ! עֶר לֶעבְּט ! אוּנ אִיז גְרוֹיס אִין שְׁטַאנְד
עֶר אִיז דֶער צְוַויטֶער , פוּן פַּרְעֹה׳ס הַאנְד
אִיבֶּער קֶענִיג , אוֹיף מִצְרַיִם לַאנְד

יעקב

אָה ! גֶענוּג פֶער מִיךְ ! ! מַיין יוֹסֵף לֶעבְּט ! !

(אַלֶע)

אוּנ יוֹסֵף בֶּעט דִיר , צוּא אִים צוּ רֵייזֶן
זַיין גְלִיק , זַיין גְרוֹיסְקַייט , דִיר צוּא וַוייזֶן
עֶר וֶועט דִיךְ , צוּא דַיין עֶלְטֶער שְׁפַּייזֶן

יעקב

מַיינֶע טְרוֹימֶען זֶעה אִיךְ דֶעם אוֹיגֶען בְּלִיק ! !
פוּן צְוַויא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר צוּרִיק ! !
אָה ! וִויא רִיכְטִיג זֵייא פְלֶעגֶן וַוייזֶן !
יוֹסֵף וֶועט מִיךְ צוּא דֶער עֶלְטֶער שְׁפַּייזֶן !
(יַעֲקב קְנִיעֶט זִיךְ אַף דֶר עֶרְד,פֶער שְׁפְּרֵייט דִי הֶענְד צוּם הִימֶעל)

יעקב

גָאט פוּן אַבְרָהָם ! וָואס דוּא זִיצְט אוֹיבֶּען
אִיךְ הָאבּ קֵיין וֶוערְטֶער דִיךְ צוּא לוֹיבֶּען
קֶענֶען דַיין פִירוּנְג , וֶוער קֶען זִיךְ קְלִיגֶען
מִיר זַיינֶען קִינְדֶער פוּן דִיא וִויגֶען
מִיר זַיינֶען דוּהם , מִיר זַיינֶען בְּלִינְד
וִויא אַפְרִישׁ גִיבָּארֶענֶער קִינְד
יוֹסֵף וֶוערְט פוּן מִיר פֶערְלָארֶן
קְלָאג אִיךְ צְוַויי אוּנ צְוַואנְצִיג יָארֶן
אוּנ דוּא פִירְסְט אִים קֵיין מִצְרַיִם
מַיין זֵיידִינְ׳ס הַבְטָחָה צוּ זַיין מְקַיֵּים —

יעצט פערשטייא איך וואס דאס בעדייט
וואס איך הער דא פריער אשטימע שרייט
אונ וואס איך רייד דא, אף אנארט
ענפערט דער וואלד, אויף יעדער ווארט
„גינוג, יעקב, טרויערין,
דיין, קינד, יוסף, לעבט",
גאט! דיין שטימע ברעכט איין מויערין
דיא נבואה ווייטער אויף מיר שוועבט
די היילינע גיפיהלע, ווען דוא מיר ווייזט
ווער איך בעגייסטערט, פון דיין גייסט
צייט עס טרעפט מיר, דיא גרויסע שרעק
איז דיין נבואה, פון מיר אוועק
וויא דוא האסט מיר, איצט ערפרייט
מיט נבואה האסטו מיר בעקלייט
גאט פון אברהם! וואס דוא זיצט אויבין
איך האב קיין ווערטער, דיך צוא לויבין
דיך לויבט מיין הארץ, אונ מיין גיפיהל
פער דיר אלהב — איז שווייגין שטיל....
(יעקב שטעלט זיך אף דיא פיס)

1.

יעקב זינג מיין זעלע! זינג צוא גאט
וואס זיינע וואונדער, בעוויזין האט
ער גיט דיר פרייד, פאר דיין לייד
ער טוט דיר אן, אנבואה קלייד
(דיא קינדער)
האפט צוא גאט, אייביג ברידער
האפענונג איז אגוטער רעצעפט

נָאט עֶרְפְרֵייעט , דֶעם טַאטִין ווִידֶער
עֶר זָאגְט אִים אָן , אַז יוֹסֵף לֶעבְּט

2.

יעקב זִינְגְט צוּא נָאט , אִיר הוֹיכֶע שְׁטֶערְין !
אוֹיךְ דִיא זוּן מִיט דִיא לְבָנָה
אִיר זֶעהט פְּרִיעֶר , מַיינֶע טְרֶעהְרִין
פְרֵייעט אַייךְ אִיצְט ! מִיט מַיין מַתָּנָה

(דִיא קִינְדֶער)

הָאפְט צוּא נָאט , אַייבִּיג בְּרִידֶער
הָאפֶענוּנְג , אִיז אַגוּטֶער רֶעצֶעפְּט
נָאט עֶרְפְרֵייעט , דֶעם טַאטִין ווִידֶער
עֶר זָאגְט אִים , אַז יוֹסֵף לֶעבְּט

3.

יעקב רָחֵל ! רָחֵל ! מַיין גִילִיבְּטֶע
קוּם אַהֶער ! וואוּ דַיין זֶעלֶע שְׁוועבְּט
עֶרְפְרֵייע דַיין הַארְץ , דִי בֶּעטְרִיבְּטֶע
דַיין בֵּן פּוֹרָת , הָאט אָב גִילֶעבְּט

(אַלֶע)

זִינְג מַיין זֶעלֶע , זִינְג צוּא נָאט
וָואס זַיינֶע וואוּנְדֶער , בֶּעווִיזִין הָאט —

(דֶער פָאַרְהַאנְג פַאלְט)

ענדע